# קרענטל

● **ווער איז דער רייכסטער מענטש אויפן וועלט?**
וועלטליכע נייעס

● **כולל בוקר געגרינדעט אין מאנסי**
קהילה נייעס

● **די לעבן פון מאלפעס**
אלץ און אלעמען






## אונזער ירושה

יומא דהילולא קדישא מוהרא"ש זכותו יגן עלינו



## כי אם בתורת השם חפצו

**א פרישן טרער אויפן גרויסן צדיק הרב רבי אליקים שלעזינגער זי"ע ראש ישיבה הרמה לאנדאן** | אונזער שריפטשטעלער אן אייניקל פונעם ראש ישיבה פארציילט ערשטהאנטיגע עובדות פונעם גרויסן זיידן זי"ע.

בס"ד

פרשת
משפטים
תשפ"ו

**נומער**
**302**

שנה ו'

| | |
|---|---|
| **04** | שער בלאט |
| **05** | קול הברה |
| **06** | קהילה נייעס |
| **08** | וועלטליכע נייעס |
| **12** | אלק און אלעמען |
| **13** | א ווארט צווייי |
| **14** | געדאנקען |
| **18** | א בריוו פון ר"ו |
| **20** | היכל הלכה |
| **24** | א מעשה פון א צדיק |
| **26** | אבר חסיד מן הארץ |
| **37** | געשעענישן |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס..

# בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

בס"ד

רענט קאמפיין
מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

מו"ה **שמעון גאנצפריעד** הי"ו

מו"ה **יודא אריה ראטה** הי"ו

מו"ה **שמעון איינהארן** הי"ו

פארן מנדב זיין

# פרנס החודש שבט

די זכות פון ארויסהעלפן דעם
הייליג'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך
ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה
בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט
פיל סייעתא דשמיא.

קרית ברסלב
סביב
& judaica

*sruliHeskel

אברהם הערש וועבערמאן

# דערהערט

כאפסט וואס דא גייט פאר? איך קען מיך נישט בארואיגן דערפון. לאמיר דיר פארציילן די מעשה, און זאג מיר אויב דו ווערסט נישט אויפגעשוידערט פון דעם.

אז מען קוקט אריין אין מדרש וואס ס'האט זיך אלץ אפגעטון בשעת דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר אידישע קינדער, זעט מען דארט מורא'דיגע ווערטער: (שמות רבה כט ט) **א"ר אבהו בשם רבי יוחנן כשנתן הקדוש ברוך הוא את התורה, צפור לא צווח, עוף לא פרח, שור לא געה, אופנים לא עפו, שרפים לא אמרו קדוש קדוש, הים לא נזדעזע, הבריות לא דברו, אלא העולם שותק ומחריש, ויצא הקול אנכי ד' אלקיך.** בשעת מתן תורה האט זיך אלעס אפגעשטעלט, פייגלעך זענען נישט ארומגעפלויגן, די חיות האבן נישט געברימט, די מלאכים האבן נישט געזאגט שירה, יעדער איז געווען שטיל, אלע מענטשן פון איבער די גאנצע וועלט האבן דעמאלט געהערט איין זאך, ווי דער אייבערשטער רופט אויס: "אנכי ד' אלקיך" איך בין דער איין איינציגסטער גאט וואס האט באשאפן די גאנצע בריאה.

איך לערן דעם מדרש, און איך קען נישט פארשטיין, וואס האט פאסירט א מינוט נאכדעם וואס די גאנצע וועלט האט דאס געהערט אזוי קלאר און דייטליך? וואו זענען אלע מענטשן פון די גאנצע וועלט געגאנגען פון דארט און ווייטער? פארוואס האט נישט יעדער אוועקגעווארפן זיין נארישע אפגאט און אנערקענט פון היינט און ווייטער אינעם אייבערשטן? יעדער האט דאך שוין קלאר געהערט דעם אמת, מ'האט זיך מער נישט געדארפט טענה'ן און ברענגען ראיות וואס די אמת'ע גלויבן איז. אבער דאך איז רוב וועלט געגאנגען צוריק צו זייער רוטין, צוריק צו זייערע שטותים והבלים, און עס איז געבליבן די איין איינציגסטע אידישע פאלק וואס האבן אפגעמאכט ביי זיך "מיר גלייבן אינעם אייבערשטן".

דאס איז די חידוש פון די בחירה, איך קען דיר אויפווייזן קליפ און קלאר אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, איך קען דיר ווייזן שווארץ אויף ווייס אז דער אייבערשטער האט ליב דיינע גוטע מעשים, דער צדיק קען דיר ברענגען באווייז אז עס איז גוט און געשמאק צו זיין א איד, אז ברסלב איז יא א גוטע ערליכע הייליגע פלאץ, אבער די בחירה איז אזוי שטארק און גרויס אז עס שטופט אוועק די פשוטע מציאות.

טאקע פאר דעם האבן מיר דעם הייליגן רבי'ן וואס קומט אונז דערמאנען יעדן טאג נאכאמאל, געדענק וואס דו האסט געהערט ביים בארג סיני "אנכי ד' אלקיך" ווער נישט פארדרייט פון דעם יצר הרע וואס וויל דיר נאר פארדרייען דעם קאפ אז דו ביזט גארנישט ווערד, מ'האט כאילו פארגעסן פון דיר. דערמאן דיך פונעם אייבערשטן, און בעט פון אים וואס דו דארפסט, וועט דיר גאר גוט זיין בזה ובבא.

מיין עלטסטער זון לערנט ביים מלמד מו"ה יואל משה פליישמאן הי"ו איך האב זייער הנאה געהאט פון א מעשה וואס ער האט פארציילט פאר די קינדער, די מעשה גייט אזוי: אין א ערב שבת האט דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע זיך גרייט געמאכט פאר שבת, נאכן אנטון אלע שבת'דיגע בגדים, האט ער פלוצלינג צוריק אויסגעטון זיין בעקיטשע און עס נאכאמאל אנגעטון. דער גבאי האט זיך זייער געוואונדערט פארוואס דער רבי טוט דאס, האט אים דער רבי מסביר געווען אז ווען ער האט אנגעטון די בעקיטשע האט ער נישט געטראכט פארוואס ער טוט דאס אן, ער האט עס פשוט אנגעטון אזוי פון געוואוינהייט, נאכן אנטון האט ער זיך געגעבן א כאפ, אז ער האט בכלל נישט געטראכט אז ער טוט דאס אן פארן אייבערשטן לכבוד שבת, און אזוי אויך טוט ער א מצוה בשעת מעשה פון אנטון קודם די רעכטע זייט און נאכדעם די לינקע, במילא האט ער דאס צוריק אויסגעטון און אזוי מיט די גוטע כוונות צוריק אנגעטון.

דאס איז א צדיק, און דאס וויל די צדיק אין אונז אריינברענגען, אז מיר זאלן טון די מצות פארן אייבערשטן, נישט ווייל "יעדער" אין די קאמיוניטי גייט אזוי, וועגן דעם גיי איך אויך אזוי. דער צדיק לערנט אונז אויס אז די מצות וואס מ'טוט איז חשוב ביים אייבערשטן, מ'דארף עס נאר ביי זיך אליין האלטן חשוב.

*אנכי השם אלקיך*

## א פארגעניגן

לכבוד די מערכת פון די הערליכע בלעטל וואס גיבט אן עונג שבת יעדע וואך מיט עפעס פריש.

עס האט מיר שטארק אויפגעוועקט די מעשה פון ש. טראכטער "ריבניץ האט ניט קיין רעבע".

מ'קען וואוינען נעבן א צדיק און ער קוקט אן חיים זאנוויל ווי א פשוט'ער חבר נאר ער איז אביסל אינטערעסאנט. ביי אים פאסירט די מעשיות פון "פונקט".

איינער איז געווען זייער צובראכן אז זיין זוהן איז פארשלעפט געווארן אין מיליטער און "פונקט" איז ער אנגעקומען צוריק אינדערהיים "פונקט" ווען חיים זאנוויל האט פאראויס געזאגט. דא דארף מען לאכן, עס איז א חידוש ווי צוויי מענטשן קענען קוקן אויף די זעלבע זאך, איינער זעט, פילט, און הערט ווי דאס איז אייבערשטער אליין. דער צווייטער זעט "פונקט", ער ווייסט נישט וואו אויף דער וועלט מ'קען טרעפן אייבערשטער.

איך האב געוואלט צולייגן די מעשה וואס מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א האט דערציילט אין א שמועס מיט'ן "קרעמלך", פאר די וואס האבן עס נישט געהערט.

ווען זיי האבן געוואוינט אין בראזיל, האט ער שפאצירט אויף א גאס וואו עס זענען געזעצן אויפן באנק אפאר פארוואגלטע אידן, אזוי ווי ליידער אסאך אין יענע געגנט. אין א קורצע שמועס האבן יענע אידן פארציילט אז זיי קענען נאך סאטמארע אידן, איינער וואוינט צוויי גאסן ארויף און איינער וואוינט איין גאס אראפ.

מיט א גרויסע שמחה האט ער זיך איינגעג'חזר'ט די אדרעסן, א קלייניקייט? אזא מציאה, נאך א סאטמארער איד וואס מ'וועט קענען ווערן חברים, א חסידישע צורה. וואס קען זיין בעסער? זאגן די אידן ווייטער 'יא, מיר זענען אויך סאטמארע, מיר קומען פון שטאט סאטמאר!' אבער פון סאטמאר רבי ווייסן זיי נישט צו זאגן, און אויך נישט פון אידישקייט ליידער, אזוי ווי די ברסלב'ע הינט וואס זענען ברסלב מיט דעם וואס זיי דרייען זיך ארום דעם רבי'נס ציון יעדע ראש השנה אן אויסנאם און אויך א גאנץ יאר. אבער קיין איין טריט נענטער צום אייבערשטן.

יישר כח פאר די באלערנדע ארטיקלען

***ש. וובערמאן***

## זוכן צו טון נאך

לכבוד די רעדאקציע פונעם קרית ברסלב בלעטל

איך וויל אויסדרוקן מיין הכרות הטוב פאר דער מייסטער שרייבער מו"ה ישראל דוד העסקל נ"י, סיי פאר די אלע הערליכע ארטיקלען וואס ער האט געשריבן פאר די בלעטל די פארגאנגענע פאר יאר יעדע וואך פון פריש, וואס סיי ווער עס האט נאר געטון אין שרייבעריי ווייסט אז דאס איז אן ארבעט וואס איז נאנט צו אוממעגליך, אבער ער האט דאס געטון מיט א געטרייישאפט וואס איז נישט צום באגרייפן.

אבער יעצט קומט אים אן עקסטערע הכרות הטוב פאר די פרישע הערליכע אינטערוויוס וואס ער שטעלט אהער יעדע וואך, וואס האט ארויפגעברענגט דעם בלעטל עטליכע שטאפלען אין ניווא און קוואליטעט. עס גיבט א פרישע קאליר אויף די פראפעסיאנאליזם פון די בלעטל. לויטן מיין חשבון געבט ער אוועק כאטש 10 שעה א וואך צו מאכן אן אינטערוויו, אראפשרייבן און לייגן גרעפיקס א.א.וו. די אינטערוויוס זענען אלע איינס ביי איינס שטוינענד, מייסטערהאפטיג און פול מיט תוכן.

ר' ישראל איז אונז אלע מחייב נישט צו זיין צופרידן מיט וויפיל מען טוט, נאר אלץ זוכן ווי מען קען טון נאך פארן רבי'ן. אשריך!

יישר כח

***ש.ז. היסטאריקער***

# קהילה נייעס



### כולל בוקר געגרינדעט אין
## מאנסי היכל הקודש

אין אן עקסקלוסיווע שמועס מיטן געטרייען גבאי, מו"ה הערשל זאבעל הי"ו פון היכל הקודש מאנסי, האט ער מיטגעטיילט מיט אונז גרויסע נייעס איבער דעם נייעם כולל בוקר וואס האט זיך יעצט געעפנט אין מאנסי, וואו אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם אין בית המדרש לערנען פארן דאווענען, און דערנאך דאווענט מען אינאיינעם א געשמאקע שחרית.

פרעגנדיג וויאזוי עס איז צושטאנד געקומען, פארציילט ער אונז, אז פארגאנגענעם שבת איז איינער צוגעקומען צו אים און געפרעגט אפשר עפנט מען אויך א כולל בוקר, אויף דעם זעלבן וועג ווי עס גייט שוין אן ב"ה עטליכע חדשים אין שטעטל. די יונגעלייט פון שטעטל דערציילן אז עס האט אינגאנצן געטוישט זייער טאג; זיי הויבן אן דעם טאג מיט א קלארן קאפ, לערנענדיג פארטאגס ווען די לופט איז נאך פריש. דאס שטופט זיי צו גיין שלאפן צייטליך און אנהייבן דעם טאג פרי, וואס דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז דאס איז א געוואלדיגע סגולה אז די גאנצע טאג זאל גיין מיט'ן רעכטן פיס.

דער גבאי דערציילט אז אין די ערשטע מינוט איז ער געווען היבש סקעפטיש. ער האט זיך געפרעגט צי ס'איז בכלל שייך אויסצופירן. עס האט אויסגעזען זייער שווער אפילו נאר צו פרובירן, בפרט אז אפילו שבת קודש האבן זיי קוים געהאט א מנין. ער האט באשלאסן דאס דורכצורעדן מיט'ן עולם, און צו זיין איבערראשונג האט ער געזען אז עס איז בוודאי יא דא.

ער האט אנגעהויבן פרעגן איין אינגערמאן און נאך איינעם, און למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז צוועלף אינגעלייט האבן זיך צוגעכאפט דערצו. דער פלאן איז געבליבן אז מען קומט לערנען זעקס אזייגער פארטאגס, און זיבן אזייגער וועט מען זיך שטעלן דאווענען בצוותא חדא מיט אנשי שלומינו. אין פאל וועט ס'וועט נישט זיין קיין מנין זיבן אזייגער, האט ער געטראכט, איז דאך דא א שול דערנעבן וואס האט א טעגליכן מנין זיבן אזייגער, אזוי אז מ'קען אלץ גיין דאווענען דארט און די לומדי הכולל דארפן זיך נישט זארגן וועגן פארן און קומען אין אזא פאל, ווייל דער בית המדרש געפינט זיך ממש לעבן די ברסלב'ער שול.

אומר ועושה, זונטאג מיטאג האט מען ארויסגעשיקט א מעסעדזש פאר'ן עולם מיט דער בשורה טובה אז דער נייער כולל וועט זיך עפענען דעם קומענדיגן טאג, מאנטאג אינדערפרי אי"ה. און טאקע מאנטאג אינדערפרי' האט זיך דער נייער כולל געעפנט מיט גרויס הצלחה. ניין אינגעלייט זענען געווען אנוועזנד; איינער האט געפעלט ווייל ער האט געהאט א חתונה זונטאג נאכט. אבער ברוך השם, מ'האט געהאט ניין מענטשן; עס איז געווען זייער שיין, מען האט פלייסיג געלערנט און דערנאך איז מען געגאנגען דאווענען אין די אנדערע שול. מען האפט ווייטער ממשיך צו זיין מיט די הילף פון דעם אויבערשטן.

דער ראש ישיבה האט געהאט א געוואלדיגע קורת רוח און שטארק הנאה געהאט צו הערן דעם באריכט איבער דעם נייעם כולל. מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט די שיינע קהילה אין מאנסי ווייטער וואקסן און בליען, און מחזק זיין אידישע קינדער צו לערנען, דאווענען, און דינען דעם באשעפער.

***ובהם נהגה יומם ולילה***




### הילולא קדישא פון

# מוהרא"ש זי"ע

פאראנגענע וואך דינסטאג פרשת יתרו איז פארגעקומען א הערליכע סעודת הילולא לרגל דעם עלפטן יארצייט פון אונזער גרויסן מנהיג מוהרא"ש זי"ע די מעמד איז אפגעהאלטן געווארן אין די זאלן פון וועלי טערעס אין מאנסי, בראשות פונעם ראש ישיבה שליט"א.

מ'האט זיך געוואשן צו א רייכע סעודה, און דער יושב ראש, דער טאלאנטפולער יונגערמאן מו"ה אליעזר זוסיא ווערטהיימער הי"ו, האט מייסטערהאפטי געפירט דעם גאנצן אוונט.

דערנאך האט דער עולם געהאט די געלעגנהייט צו הערן הארציגע און קונסטליכע גראמען פונעם באליבטן מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו, וועלכער האט אראפגעמאלן דאס לעבן פון מוהרא"ש זי"ע און שיין ארויסגעברענגט וויאזוי ער האט באוויזן איבערצוקומען אלע שוועריגקייטן אין זיין לעבן און אויספירן זיינע רצונות, און דאס אלעס נאר דורכ'ן כח התפילה וואס האט אים שטענדיג באגלייט.

שפעטער האט מען געהערט פייערדיגע דיבורים פונעם באקאנטן משמח אלקים ואנשים מו"ה מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו, וואס איז וועלט-בארימט מיט זיין טאלאנט צו פירן גרויסע מעמדים. ער האט אויפגעברענגט זיינע זכרונות פונעם ראש ישיבה שליט"א פון יארן צוריק און וואס ער האט אלץ בייגעוואוינט, און ארויסגעברענגט וואספארא געוואלדיגע זכיה דאס איז פאר אים צו זען היינט, נאך אזויפיל יארן, אז טראץ אלע רדיפות וואס מ'איז אדורך, זעט מען היינט וויאזוי ס'איז אויסגעוואקסן אזא שיינע אימפעריע מיט הונדערטער תלמידים.

נאכדעם האט מען געהערט א באריכט פונעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו, וועלכער האט ארומגערעדט איבער אלע פעולות פון "קרן הדפסה". ער האט פארגעלייגט א באריכט פונעם בודזשעט אינאיינעם מיט די פלענער אויף ווייטער. ער האט אויך מיטגעטיילט פערזענליכע מעשיות פון ישועות און עדות'שאפטן פון מענטשן וואס האבן געזען ישועות למעלה מדרך הטבע דורכן מנדב זיין צו דרוקן א ספר.

נאך דעם האט דער עולם מיט גרויס דארשט אויסגעהערט די ווארימע דיבורים פון דעם ראש ישיבה שליט"א, וועלכער האט משמיע געווען דברי חיזוק והדרכה. דער ראש ישיבה האט ברייט ארומגערעדט וואס מוהרא"ש זי"ע האט אונז אויסגעלערנט, ספעציעל אין דעם ענין פון "הפצה" - צו פארשפרייטן די ליכט פונעם הייליגן רבי'ן. דאס איז געווען מוהרא"ש'ס עיקר זאך אויף וואס ער האט געשטערעבט א גאנץ לעבן. שוין פונעם ערשטן מאמענט וואס ער איז נתקרב געווארן צום רבי'ן, האט ער זיך פארגענומען אז ער וועט נישט רוען ביז מ'וועט קענען באקומען דעם רבינ'ס הייליגע ספרים איבער די גאנצע וועלט, אז ס'זאל זיין גרינג פאר יעדן איינעם דאס צו געפינען.

דערנאך האט מען געבענטשט ברכת המזון, און דער עולם איז זיך צעגאנגען מיט א פרישקייט ווייטער צו גיין אויף דעם דאזיגן זיסן און לעכטיגן וועג.

*זכותו יגן עלינו*

# וועלטעלע

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם




## ווער איז דער רייכסטער מענטש אויף דער וועלט?

"ווער אימער עס האט געזאגט אז געלט קען נישט קויפן קיין פריילעכקייט, האט עכט געוואוסט וואס ער רעדט," אזוי האט אילאן מאסק, דער רייכסטער מענטש אויף דער וועלט געשריבן.

ווער פונקטליך איז דאס אילאן מאסק? אין דער גרויסער וועלט ווערט אילאן מאסק פארערכנט אלס איינער פון די מערסט באקאנטע און איינפלוסרייכסטע פיגורן. ער איז א ביזנעסמאן און אן אנטערפרענור, דער בעל הבית פון עטליכע ריזיגע קאמפאניס, צווישן זיי: "טעסלא", וואס פראדוצירט עלעקטרישע קארס; "ספעיס-עקס", וואס פראדוצירט ראקעטן; און נאך פארשידענע טעכנאלאגישע פראיעקטן אין די פעלדער פון קאמיוניקאציע און עי איי.

זיין השפעה אין דער אלגעמיינער וועלט גייט אסאך ווייטער ווי סתם ביזנעס.

די וועלט, וואס מאכט א גאנצע עבודה זרה פון געלט, נעמט אויף יעדע זאך וואס ער זאגט אדער שרייבט, ספעציעל אויף סאשעל מידיא, מיט דער גרעסטער מאס וויכטיגקייט. מען קוקט אויף אים ווי אויף איינעם וואס קען טוישן גאנצע אינדוסטריעס מיט בלויז איין ווארט וואס קומט ארויס פון זיין מויל.

לויט די לעצטע שאצונגען איז ער ווערד בערך 180 ביליאן דאלאר, וואס דאס מאכט אים פאר'ן מענטש מיט'ן גרעסטן פארמעגן א פארמעגן וואס איז מער ווי דריי מאל אזוי סאך ווי דער נעקסטער מענטש אויף דער ליסטע פון די גרעסטע גבירים.

און יא, אילאן מאסק, מיט זיין גאנצן כבוד, מאכט, עשירות און פרסום, שרייבט דאס אזוי קלאר און פשוט.

אבער מיר דארפן נישט קוקן אויף אילאן מאסק; ער איז נישט אונזער וועגווייזער. אפילו אויב ער זאל שרייען און אויסרופן אז נאר געלט קען ברענגען גליק, וואלט עס אונז נישט באריט אפילו אויף א כי הוא זה. ווייל נאר וואס די תורה זאגט איז דער אמת; די גאנצע וועלט קען זאגן פארקערט, אבער די תורה קען מען נישט ענדערן אפילו מיט א קוץ של יוד.

איזהו עשיר השמח בחלקו. אילאן מאסק קען נישט שלאפן אויף א גאלדענע מאטראץ, אפילו אויב ער קען זיך דאס ערלויבן. ער קען נישט עסן אדער טרינקען קיין גאלד; עס זעטיגט נישט.

און אפילו א גביר וואס עסט סטעיק און דזשערקי יעדן טאג און וואוינט אין א מיליאן-דאלערדיגן פאלאץ, איז נישט באמת גליקליך אויב ער עפנט נישט קיין משניות. א מענטש קען זיך נישט שפירן זאט אויב ער "טרינקט" נישט קיין תהילים יעדן טאג; מען קען נישט זיין צופרידן אויב מען טוט נישט קיין חסד פאר א צווייטן יעדן טאג.

די איינציגסטע עצה איז נאר צו לעבן מיטן אייבערשטן, און זען זיינע חסדים אין דיין יעצטיגן לעבן. אפילו מיט דיינע שוועריגקייטן, זוך אויף די פינטעלעך גוטס און הייב אן זיך צו פאקוסן דערויף; הער אויף צו קרעכצן, הייב אן זאגן "שכח אייבערשטער" אויף יעדן אטעם וואס דו כאפסט, הייב אן צו דאנקען אז דו ביסט א איד. און דעמאלטס וועסטו זיין דער רייכסטער מענטש אין דער גאנצער וועלט.

***טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף***

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו**

וזוגתו מייטא תחי'

**צו די בר מצוה פון נפתלי נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

dominogrp.com

loop PLUMBING

Masters of drip

917.202.1206




# און עד אין בלעטל ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161

ads@bletelmagazine.com




dominogrp.com

# PREMIER OFFICE SPACE FOR LEASE

646.938.2503 - 39oldmonticello@gmail.com

COFFEE STATION AROUND THE CLOCK | COMPETITIVE PRICING | PRIVATE ENTRANCE | PRIVATE BATHROOM

CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA


מגבית
המייסדים
מחיל אל חיל
מרכז היכל הקודש ברסלב
בארץ הקודש
טהרת הקודש ביז משיח
*sruliHeskel

מיטן אייבערשטן'ס הילף גרייטן מיר זיך צו
עפענען בקרוב ממש דעם "מרכז היכל הקודש
בארץ הקודש" אין שטאט בית שמש וואס וועט
דינען פאר א צענטער פאר אנ"ש לאורך ימים
ושנים צו קענען דינען פאר אלע געברויכן פון
אונזערע מוסדות און צו פארשפרייטן ווייטער
די ליכטיגקייט פונעם הייליגן רבי'ן.

# זכות מייסד

# $1000

עס וועלן דא בלויז 100 זכותים! כאפט היינט אייער זכות נצחי

## צו קויפן א זכות מייסד רופט דער גבאי

**אמעריקא**
מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו
347.466.2410

**ארה"ק**
מו"ה יעקב סאמעט הי"ו
0553219026

פתיחת
מרכז
היכל הקודש
ברסלב
בארץ הקודש

וועט קומען

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## מאלפעס

**שאלה**

פארגאנגענעם חול המועד סכות זענען מיר געווען אין א זו, צווישן אלע חיות האב איך די מערסטע הנאה געהאט פונעם מאנקי, און אפילו עס איז שוין אדורך עטליכע חדשים, קען איך נישט אויפהערן צו טראכטן פון זיי. ס'איז מורא'דיג אינטערעסאנט ווי ער איז זייער ענליך צו א מענטש און פירט זיך אויף אזוי אינטערעסאנט.

איז דא א ספעציעלע זו וואו מ'קען זען נאר מאנקיס? און צי עס איז לעגאל צו האבן ביי זיך אין שטוב א מאנקי. י. פ.

**ענטפער**

דאס וואס דו פרעגסט וועגן ספעציעלע זוס פאר מאנקיס. יא, עס זענען דא ספעציעלע "מאנקי פּארקס" וואו עס ווערן געהאלטן בעיקר מאנקיס.

דא אין ניו יארק וואו מיר וואוינען איז עכט נישט דא א זו וואס איז נאר פאר מאנקיס, אבער די בעסטע פלאץ צו האבן א גוטע עקספיריענס פון מאנקיס איז אין בראנקס זו. בראנקס זו איז אזוי ריזיג גרויס, אז די אפטיילונגען פון די מאנקיס זענען ממש ווי א קליינע זו פאר זיך. עס האט פינף געגענטער:

קאנגא גארילא פארעסט: דאס ווערט פארעכנט אלס איינע פון די מערסט באקאנטע פלעצער פאר מאנקיס אין די גאנצע וועלט. עס איז א ריזיגע -6.5אקער שטח, און דארט וואוינט א גרויסע גרופע פון וועסטערן לאולענד גארילאס.

דזשאנגל-ווארלד: כאטש עס זענען דא דארט אויך אנדערע חיות ווי טעפירס און אטערס, איז רוב באזעצט מיט מאנקיס ווי גיבאנס, עבאני לענגורס, און סילווערד ליף מאנקיס.

דזשעלאדא רעזערוו: דאס איז א ספעציעלע "טרעיל" אינדרויסן וואו מען קען זען די דזשעלאדא מאנקיס. זיי עסן בעיקר גראז, און זיי לעבן אינאיינעם אין גרויסע גרופעס.

מאדאגאסקאר: דאס איז א היסטארישע געביידע וואס איז געווידמעט פאר די לימורס, וואו מען קען זען פארשידענע סארטן ווי די "רינג-טעילד", "קאקערעל'ס סיפאקא", און נאך.

ווארלד אוף דארקנעס: אין דעם אפטיילונג ווערן געוויזן די חיות וואס זענען אויף ביינאכט, אריינגערעכנט די פיגמי סלאו לאריס.

מאנקיס זענען זייער סאציאלע באשעפענישן, זיי האבן זייער ליב צו לעבן אין גאנצע גרופעס אינאיינעם. זיי קענען נוצן זייערע הענט און פינגערס צו עפענען זאכן און האלטן זאכן. רוב מאנקיס האבן זייער א גוטן זכרון, און וועלן דערקענען אנדערע מענטשן פאר א לאנגע צייט.

איבער מאנקיס אינדערהיים, אפילו דארט וואו דאס געזעץ ערלויבט עס, איז וויכטיג צו וויסן אז מאנקיס אפילו זיי זעען אויס זייער ענדליך - זענען זיי פארט נישט קיין מענטשן, און זיי קענען ווערן זייער ווילד. זיי געהערן אין וואלד און נישט אין שטוב.

איך וועל דיר געבן א פלאץ וואו ס'איז דא זייער אסאך מאנקיס. דאס געפינט זיך אויפן הייוועי עקזיט 111, (חיי מוהר"ן סימן קי"א) זאגט דארט דער הייליגער רבי, "איוולת אדם תסלף דרכו ועל ה' יזעף לבו". א מענטש וואס לעבט נישט פאר'ן אייבערשטן, איז ער נעבעך ווי א מאנקי.

איינער וואס קריגט אויפ'ן צדיק, איז זיין מח פארקרומט, ער פירט זיך אויף זייער ווילד. אפילו עס זעט אויס ווי ער דינט דעם אייבערשטן, איז עס בלויז ווי א מאנקי, ער מאכט נאך יעדן איינעם. ער איז זייער ענליך צו א מענטש.

האסט איר א שאלה?
שיקט צו: 845-445-7447 - alemen@bletelmagazine.com

# א ווארט צוויי

זאגן וואס
פארדינען
שטערכלער

• בערל שניצלער

avorttzvei@bletelmagazine.com שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו

## מוהרא"ש'ס נשמה

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן ביים אריינשפאצירן אין קרן הדפסה ביומא דהילולא פון מוהרא"ש: "אז איך קען נישט פארן צו מוהרא"ש'ס ציון, קום איך צו די נשמה פון מוהרא"ש, אין קרן הדפסה", ווי אויך ביים אריינזינגען אין סטודיא האט דער ראש ישיבה זיך ווידער אנגערופן: "אויב איך קען נישט זיין ביי מוהרא"ש אינעם יארצייט, לאמיר כאטש זיין וואו מוהרא"ש איז..."

**– ר' אשר יענקל בלום, מנהל קרן הדפסה**

## מפתח

"דער ראש ישיבה האט דערמאנט אין א שמועס אז ווען ער זוכט א מראה מקום אין ספר המידות קאלט ער נחמן נתן בוים, און ווען ער זוכט א מראה מקום אין בבלי/ירושלמי קאלט ער הרב משה גראס שליט"א, און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט מיט וואונדער אויף ר' משה גראס, "א פלא א אינגערמאן זאל קענען בבלי און ירושלמי אויפן לשון פון זאגן אויפן סדר דרך הלימוד..."

**– ר' יואל שניצלער**

## כח הוועטער

"איך טרעף איינעם אין שול דעם פארלאפענעם שבת מיט צוויי שאלן, ער זעט ווי איך קוק אזוי אויף אים מיט אזא אינטערסאנטע בליק ווי איינער וואס פרעגט וואס איז די מעשה דא, געבט ער זיך א רוף אן צו מיר "זעסט דעם שאלן? דאס איז ווען די נייעס... "

**– ר' אברהם הערש וועבערמאן**

## דער מיטלוועג איז געשטארבן

אויב האט איר געטראכט אז ס'איז דא א מהלך פון "איך פארשטיי אליין וואס צו פאלגן און וואס איך קען מיך אליינס ביישטיין", האט ליבערטי פיצא אויפגעהאנגען א צעטל מיט גרויסע רויטע אותיות פונקט פאר אייך...




## מ'דארף שוין נישט קיין העלפ

דער ראש ישיבה האט געזאגט

ביי אונז אין די מוסד געבט מען נישט פאר די קינדער קיין ABC, מ'לערנט נאר ABC ביי ענגליש, מ'לעבלט זיי נישט דערמיט... ביי אונז אין די מוסד איז דא א סדר פון טאנצן, דעמאלט געבן זיך די קינדער גוט אויס ווי ס'דארף צו זיין, מ'דארף שוין נישט קיין העלפ מער...

**– שיעור ליל שישי פ' יתרו**

# געדאנקען

# עמעזאן'ס פערטל טריליאן דאלער פראפיט

מען מאכט פון עולם דאס געוואר.

מענטשן לעבן אין א HYPE.

א צדיק איז אזוי ווי א אנקער (ANCHOR) וואס בינדט אראפ דעם מענטש אז זיין מח זאל זיך געפינען דא בתוכינו צווישן אונז, ווייל אן א צדיק איז זיין קאפ ביים שכן, ער זיצט ביי זיין אייגענע שמחה און טראכט נאר "וואס שטייט אין די געזעץ בוך פון דערררררווילעם".

אן א צדיק לעבט מען אין א הייפ.

יעדער קויפט א דיימאנט, ווייל יעדער קויפט א דיימאנט.

יעדער קויפט א ווינטערייזד זומער הויז ווייל יעדער קויפט א ווינטערייזד זומער הויז.

יעדער געבט בריסקעט ביי די וואכנאכט ווייל יעדער געבט בריסקעט ביי די וואכנאכט.

יעדער קוקט כסדר נאר וואס עס שטייט אין די געזעץ בוך פון דערררררווילעם ווייל יעדער קוקט כסדר נאר וואס עס שטייט אין די געזעץ בוך פון דערררררווילעם.

א מענטש אן א צדיק שטייט אויף אין א הייפ, גייט שלאפן אין א הייפ, אינוועסטירט זיין געלט אין א הייפ.

חיים פארמאגט א סופערמארקעט, פארדינט א מיליאן טאלער א יאר.

אויש, טראכט חיים, ווען איך וואלט געהאט צוויי סופערמארקעטס וואלט איך געמאכט צוויי מיליאן!

אויש! פיר, פיר מיליאן!

אויש! אכט, אכט מיליאן!

אויש! זעכצן, זעכצן מיליאן! אויש א שאד! א נעווייירע יעדן טאג וואס איך מאך נישט זעכצן מיליאן!

די פראבלעם איז נאר אז צו עפענען א סופערמארקעט דארף מען מסלק זיין א מיליאן טאלער. די אינוועסטמענט צאלט זיך אויס אין ערשטן יאר.

וואו שאפט מען..... וואו שאפט מען..... וואו שאפט מען אזוי פיל געלט.......

חיים טרעפט א גרויסן באנקיר, מושי באנקאשווילי וואס פירט א ריזיגן באנק וואס זיצט אויף צענדליגער ביליאנען וואס דארפן ווערן אינוועסטירט כדי צו ברענגען רווחים פאר די באנק קליענטן.

מושי איז מסלק זעכצן מעלוינעס.

פאר די זעכצן מעלוינעס שרייבט אים חיים א שטר אז ער, מושי, איז א גלייכער שותף אין אלע זעכצן סופערמארקעטס.

דאס הייסט אז מושי האט זיך איינגעקויפט א ביימעלע וואס וועט בעזר השם אויסשפייען זעכצן מעלוינעס א יאר, האלב פאר חיים, האלב פאר מושי.

דאס הייסט אין אנדערע ווערטער

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

אז מושי קויפט א שטיקל פאפיר וואס אויף דעם שטייט אז ער איז דער פופציג פראצענט אייגנטומער פון די זעכצן צוקונפטיגע סופערמארקעטס. פאר דעם שטיקל פאפיר האט ער גע'שילם'ט גאנצע זעכצן מעלוינעס.

יעדן סוף יאר, ווען חיים'קע שפאצירט אהיים מיט זעכצן מעלאנקעס, דארף ער זאפארט אפשטאטן א באזוך ביי מושי'נען אין ביורא און דארט אנידערלאזן האלב פון די זעכצן און אהיימנעמען אכט אנשטאט זעכצן, און זיין טרייסט אזי אז ווען ער פארקויפט זיך נישט האלב פאר מושי וואלט ער געהאט אנשטאט אכט מיליאן, בלויז איין מיליאן, נישט קשה.

דאס איז מער ווייניגער א בליק אויף די "סטאק מארקעט", מען קויפט און פארקויפט שטרות פון חובות און התחייבות'ער, אז אויב איך וועל מארגן האבן הצלחה וועל איך דיר דארפן אראפגעבן כך וכך, און דערררררררווילעם לויפט מיט די טשעק ביכלער אין האנט. דער עולם שילם'ט אינגרויסן צו באקומען א צעטקעלע אז ווען שימעלע דער לעקטרישן וועט מצליח זיין, וועט האלב דערפון באלאנגען צו מיר.

לאמיר'זשע זען.

אז איינער האט געקויפט א האום דיפאו סטאק אין 1980 למספרם פאר 12 טאלער, איז, אויב קוקט ער אויף די הארטע ציפערן הנקרא "דיווידענד" וועט עס נעמען גאנצע צוואנציג דרייסיג יאר אז דער דיווידענד זאל אנטרעפן די צוועלף טאלער פער שעיר וואס מען האט אריינגע'שילם'ט!!!! שיין זע מיר אויס!!!!

און איך זאל נאך לויפן צום סטאק מארקעט.....

דאס איז ווילאנג מען רעדט פון דיווידענדס, אבער די פארספעקטע טשעק בוק לויפערס ווייסן ניטאמאל א חילוק צווישן הארטע ציפערן און לופטיגע הייפ'יגע בלורי פאזי (BLOORY FUZZY) פארקאטשקעטע נומערן.

רוב סטאק מארקעט אנלויפער ווייסן ניטאמאל צו זייער סטאק האט יא אדער נישט קיין דיווידענד.

קען אפשר איינער מסביר זיין וואס מיינט קויפן סטאק אין עמעזאן, טעסלא, בערקשייער האטעוועי (ווארן באפעט'ס קאמפאני) בשעת זיי האלטן זיך מאז ומקדם צו די ליצנות'דיגע פרעכע וועג פון לאכן פון דיווידענדס.

עמעזאן האט געמאכט פראפיט א פערטל טריליאן טאלער אין 2022 למספרם, קיין רויטן גרייצער האבן זיי נישט געגעבן פאר די שעירהאלדערס!!!!

עלאן מאסק'ס טעסלא האט געמאכט 20 ביליאן טאלער פראפיט אין 2022 למספרם, קיין רויטן גרייצער גייט נישט פאר די שעירהאלדערס!!!!

ווארן באפעט'ס בערקשייער האטעוועי האט געמאכט א פראפיט הונדערט ביליאן טאלער אין 2024 למספרם, קיין רויטן גרייצער גייט נישט פאר די שעירהאלדערס!!!!

קען איינער פארשטיין גיבן וואס מיינט קויפן סטאק אין א קאמפאני וואס גיבט נישט קיין דיווידענדס מיום הווסדה?

וועלכע חלק פארשטייסטו נישט?

איך פארשטיי דיין טענה, "אז יעדער לויפט אהין מסתם איז עפעס דא דארט".

איך הער.

נו לויף! שנעלער! שמייס אריין דיין גאנצע געלט אין די דיווידענד'לאזע שפאס-טרייבערישע קאמפאני'ס!

און פארגעס נישט צו לאכן פון די נעבעכדיגע מענטשן וואס ווייסן נישט ווי סאך זיי פארלירן ביים נישט אינוועסטירן אין טעסלע.

ווייל בוידעם האט געזאגט אז דער לבנה מבין האט געזאגט אז טעסלע וועט האבן א מיליאן מענטשן אויף די לבנה אין בלויז עטליכע טעג ארום.

דאס וואס די אויבער חכמים קויפן דיווידענד'לאזע סטאק אלץ שפעקולאציע, אז מארגן וועט איינער דאס קויפן פון מיר פאר דאפלט, דאס איז סתם אטלאנטיק סיטי געמבלינג.

פונקט אזוי ווי איינער וואלט געקויפט א וויליאמסבורג בראונסטאון פאר צוואנציג מיליאן ווייל גרונם האט געזאגט אז שישקע האט דערציילט אז שלימזל האט גע'חלום'ט אז בראונסטאונ'ס גייען ווערט זיין פערציג מיליאן טאלער ביז צוועלף חדשים.

לאך נישט!! גרונם האט עס

עכט געזאגט!

איך ווייס גוט אז די נאראנים שרייען אז ווער עס האט אריינגעלייגט טויזנט דאלער אין האום דיפאוט סטאק אין 1980 למספרם, האט צוריק באקומען 10 מיליאן.

אבער זיי מיר מוחל דו מוזט וויסן וואס איז הארטע ציפערן און וואס איז געמבלינג.

יעצט וועלן מיר א בליק טאן אויף די וואס געבן יא דיווידענדס, וועלן מיר זען אז ממה נפשך, גייסטו פאר שפאקולאציע / געמבלינג, קענסטער שוין געמבלען ביי די פערדן פארמעסט (HORSE RACE) און פארדינען סאך מער, אדער גאר קויפן א קראצער לאטערי און באקומען הונדערט אלפים פאר איין טאלער....... (לאך נישט, די סטאק מארקעט האט אזא פנים), און אויב ווילסטו מיר זאגן אז דו גייסט פאר די עכטע נומערן, איז, געב'זשע א קוק וויפל איז די מאקס וואס דו קענסט פארדינען ביים נעמען די ליניע פון יא קוקן אויף דיווידענד .

"צים" די איזראעלישע שיפינג קאמפאני פארדינט א ביליאן טאלער פראפיט א יאר, אויב דו ווילסט קויפן זייער סטאק וועסטו באצאלן 25 טאלער א שעיר.

דו וועסט באקומען דיווידענד א גאנצן קוואדער! א גאנצע! נישט א האלבע! א גאנצע רינדיכעיגע קוואדער!

נאך הונדערט דיווידענדס קומסטו אן צו די פרייז וואס דו האסט געצאלט פאר די "דיווידענד ביימעלע" וואס דו האסט איינגעהאנדלט.

הונדערט דיווידענדס ביי "צים" באטרעפט 25 יאר! זיי געבן דיווידענד פיר מאל א יאר.

גאנצע 25 יאר וועסטוווארטן אז דיין אינוועסטמענט זאל זיך דעקן איינמאל לכל הפחות.

(נאכאמאל, יעצט רעדט מען לויט די שיטה אז סטאק שפעקולאציע איז געמבלינג / פערדן-פארמעסט / קראצער-לאטערי און אז סטאק איז דא פאר די עכטע, נישט פאר די הייפ / אפשר / בוידעם האט געזאגט אז אלצווייסער האט גאוואוסט אז מארגן שיסט ארויף די סטאק).

האופ דיפאו איז ארויף די סטאק ווייל גרונם האלט אז משה האלט אז אייזיק האלט אז שלום האלט אז האום דיפאו "איז א גוטע סטאק".

האום דיפאו איז א סטאק וואס יעדער קויפט עס ווייל יעדער קויפט עס, גארנישט צו טון מיט עפעס עכטע ציפערן. הוילע שפעקולאציע. הוילע געמבלינג.

ווען איינער לייגט אין די געמבלינג קאסינאו איין קוואדער אין די סלאט מאשין באקומט ער צוריק א שטערקערע ריטערן ווי האום דיפאו. אבער געמבלינג איז געמבלינג, און קויפן "נאוטס" איז קויפן נאוטס.

אויב דו קופסט פאר דיווידענד האסטו געקויפט א עכטע פאפיר, אויב דו קויפסט א דיווידענדלאזע סטאק ווייל הוידל בוידל ס'גייט זיך פארקויפן פאר מער, ביסטו אין די געמבלינג קאסינאו.

איי וועסטו פרעגן א קושיא, אויב מען קוקט נאר אויף די דיווידענדס זענען דאך רוב סטאקס גארנישט ווערט? אה! ענדליך הייבסטו אן כאפן וואס דו סטאק מארקעט איז! אדער פארדינט מען א פראקציע פון די רעגולער באנק אינטערעסט, אדער איז מען אין אטלאנטיק סיטי.

די עיקר דארפסטו זען אויב דיין שושלת הקודש געבט דיווידענדס.

אויב דו טאנצט אויף די פארענטשעס און דו האסט נישט מעביר סדרה געווען לעצטע וואך ביסטו אין א דיווידענד'לאזע קאמפאני.

אויב דו האסט נישט היינט געזאגט פאר דיין ווייב איך דאנק דיר פאר אזוי סאך טון פאר מיר, ביסטו א שפאקולאנט וואס איז שוין פראפיט'לאז פאר א לאנגע צייט.

אויב דו האסט נישט היינט געזאגט "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל זיך אויסרעדן פאר דיר אלעס וואס דרוקט מיך", דאן EXIT ארויס פון יענע הוידל בוידל סטאק און קום לייג זיך אריין אין די "אמונה" סטאק.

קום הייב אן רעדן צום באשעפער ווי א קינד רעדט צו זיין טאטן. פרוביר עס אויס, דיין נשמה וועט דערפון באקומען דיווידענד אויף אייביג, לנצח נצחים.



# מעשיות פון תפילה

**ברוך נויסבוים** | בני ברק

איך בין ארויס געפארן דינסטאג אינדערפרי מיט נאך אפאר פון די חברים אנשי שלומינו, אויפן וועג צום ציון הקדוש אין יבנאל ביומא דהילולא קדישא.

אזוי ווי איך פיר מיך בדרך כלל, פאר איך שוין ארום צו נאך קברי צדיקים קדושים אשר בארץ המה, באקאנטע און בעיקר נישט באקאנטע.

דאס מאל האבן מיר באשלאסן אז מיר ווען אריבער פארן דורכן דערפל ארבל נישט ווייט פון יבנאל, דארט ליגן לויט זייער אסאך מקורות, די הייליגע שבטי ק-ה ראובן שמעון און לוי, מיט זייער שוועסטער דינה, און אזוי אויך שת בן אדם הראשון, און אפאר תנאים ואמוראים.

באמת איז דאס איז שוין די פערטע מאל וואס איך פרוביר אנקומען אהין, אבער יעדע מאל האב איך נישט געקענט טרעפן די קברים פון די שבטים און פון שת, מ'דארף אראפקריכן אין א בארג פול מיט גרויסע שטיינער, ס'איז נישט גרינג בכלל.

דאס מאל האבן מיר מחליט געווען, אז מען גייט נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן ביז מען גייט דאס טרעפן.

בס"ד זענען מיר אנגעקומען דארט, און מען האט אנגעהויבן אראפצוגיין דעם בארג, תוך כדי וואס מיר בעטן דעם אייבערשטן אז מיר ווילן זייער שטארק אנצוקומען צו די הייליגע ציונים.

ס'איז בכלל נישט געווען לייכט, מ'האט אפילו באגעגנט א שלאנג אינמיטן, אן עקסטערע סייעתא דשמיא אז ס'איז אריבער בשלום.

מיר זענען שוין אראפ א שיינע טייל פונעם בארג, און די קברים האבן מיר נאך נישט געטראפן.

מיר האבן אנגעהויבן שטארק בעטן דעם אייבערשטן. און נאך אפאר מינוט געבט איינער פון די חברים א שריי, דא איז עס. ב"ה, מיר האבן צוערשט באגעגנט די קברי השבטים הק' און דינה.

מיר האבן זיך גוט אויסגעגאסן דאס הארץ. און שפעטער אויך ביי שת בן אדם הראשון, מיר זענען געווען זייער פרייליך, אז מיר האבן זוכה געווען ב"ה.

שפעטער האבן מיר געדאווענט דארטן ביי רבי זירא, און פון דארט זענען מיר אנגעקומען צו די נעבנדיגע דערפל כפר חיטים ביי די דרוזישע באפעלקערונג, צום קבר פון יתרו, לכבוד די פרשה פון די וואך (וואס אגב איז עס נישט זיכער אז ער ליגט טאקע דארט).

פון דארטן האבן מיר ב"ה זוכה געווען אנצוקומען צום ציון הקדוש פון אונזער הייליגן רבי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, ביומא דהילולא, שופך שיח זיין, און אויס'פועל'ן גרויסע ישועות פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל.

שכח אייבערשטער.

**מנחם שטיינבערג** | קרית ברסלב

פארגאנגענעם שבת פרשת יתרו האב איך געהאט א קינד איינשטיין ביי מיר אין שטוב.

מוצאי שבת ביי אבות ובנים אין ירושלים שול האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל געווינען די גורל, כדי ער זאל אוועק גיין מיט א גוטע טעם אין מויל.

שכח אייבערשטער ער האט טאקע געווינען.

# זיי נישט מקנא א צווייטן



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד טַייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן ... ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

מֶען דַארְף הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם", אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', "כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנּוֹם, כִּי כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד", וַוייל דָא אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם אַלֵיינְס, יֶעדֶער הָאט זַיינֶע יְסוּרִים. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם) יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יְסוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יְסוּרִים וְכוּ', אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "**אָדָם לְעָמָל יוּלָּד קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז**", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט וֵוייניג אוּן דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט וֵוייטָאג; אוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ב, כג): "**גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת**", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אַ שָׁאד מְקַנֵא צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן; יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן. מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף זִיךְ, מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי אֵייגֶענֶע לֶעבְּן.

דִי אַלֶע וָואס לֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, זֵיי זֶענֶען מְקַנֵא אַנְדֶערֶע - דִי עֶסְן זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "**כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה - עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין**", וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בְּפַשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף וֶוען מֶען שְׁטַארְבְּט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא גֶעוֶוען וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֵבֶר, אָבֶער מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז דָאס מֵיינְט מֶען לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ; בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף, עֶר טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג: 'פַארְוָואס הָאבּ

## א בריוו פון דער ראש ישיבה

### עצתו אמונה משפטים תשפ"א

אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן וִוי יֶענֶעם? פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא וַוייבּ וִוי יֶענֶער? פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא הוֹיז וִוי יֶענֶער? אַ קַאר וִוי יֶענֶער?' בֶּאֱמֶת דַארְף אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן 'אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי סָארְט לֶעבְּן; דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער אוּן דִי דִירָה וְכוּ' וְכוּ', אִיז דָאס גוּט פַּאר מִיר; דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַּאר מִיר, בֶּעסֶער קֶען נִישְׁט זַיין'.

הַלְוַואי זָאלְן מִיר אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן דֶער לֶעבְּן פוּנֶעם תָּם. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט), וִוי דֶער תָּם הָאט גֶעהַאט אַ גוּט לֶעבְּן אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַאבְּרִיצִירְן שִׁיךְ, וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דֶעם שִׁיךְ הָאט עֶס גֶעהַאט יֶענְץ פָּנִים, עֶס הָאט גֶעהַאט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט אָנְכַאפְּן דֶעם שִׁיךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין דֶערְמִיט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקֵייט, וָואס פַאר אַ וואוֹילְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז, וָואס פַאר אַ זִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז, וָואס פַאר אַ הָאנִיג'דִיג, וָואס פַאר אַ צוּקֶער'דִיג שִׁיכֶעלֶע דָאס אִיז"; אָבֶּער זַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי, פַּארְוָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס נֶעמֶען דְרֵיי גִילְדְן פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ הַאלְבְּן טָאלֶער?" הָאט אִיר דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? **דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה**, אוּן וַוייטֶער פַּארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן? לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין פוּן דֶעם שִׁיךְ", עֶר פְלֶעגְט צַאמְרֶעכֶענֶען וִויפִיל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי סְחוֹרָה אוּן וִויפִיל עֶס אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען רֶיוַח אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט מַרְוִיחַ גֶעוֶוען צֶען גְרָאשְׁן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: "וָואס זָאל מִיר בַּאדֶערְן אַז אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט עֶפֶּעס רֶיוַח מִיַּד לְיַד?"

אִין דִי מַעֲשֶׂה לִיגְט דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אוֹיף דֶער וֶועלְט; אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט וָואס צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, אֵיינֶער וָואס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט. מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דִי פָּאר וֶוערְטֶער: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וַוייטֶער פַּארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן?"

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים; לָאמִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה דֶער עִיקָר, מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם גֶעדַאנְק, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען זָאל זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ.

אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעצְן בַּיים טִישׁ מִיט דִי תַּלְמִידִים אוּן אֵיינֶער פוּן דִי אָנְוֶועזְנְדֶע הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט זַיין וַוייבּ, אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "וִוי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת?!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן בַּיים טִישׁ. וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן - אוֹיף וֶועם דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאצוֹיגְן - הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז דָאס גֵייט מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיטְ'ן זָאגְן תּוֹרָה; זֶעט מֶען וִוי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו בִּכְלָלִיּוּת פַּאר דִי גַאנְצֶע חַבּוּרָה אָבֶּער דִי כַּוָּונָה אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בִּפְרָטִיּוּת. אִיךְ בֶּעט יֶעדְן פוּן אַייךְ בַּאזוּנְדֶער, הֶער זִיךְ אוֹיף קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ; פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין אַ גֵיהִנוֹם? טָאג אוּן נַאכְט אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, בֶּעט אִיךְ דִיר, גֵיי אַרוֹיס פוּן גֵיהִנוֹם, הֶער זִיךְ אוֹיף צוּ קְרִיגְן, לֶעשׁ אוֹיס דִי פֵייעֶר, זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט; מֶען וֶוערְט נִישְׁט מֶער פְרֵיילִיךְ אוּן מֶער צוּפְרִידְן וֶוען מֶען אִיז גֶערֶעכְט, לָאז אִיר זַיין גֶערֶעכְט, גֶעבּ אִיר נָאךְ, בֶּעט אִיר אִיבֶּער, בְּלַייבּ מִיט אִיר אִין שְׁטוּבּ אַנְשְׁטָאט גֵיין מִיט חֲבֵרִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# היכל הלכה

## הלכות קידוש - סימן רע"א סעיף ח'

ווי ערוועגט; אויב איינער האט נישט געמאכט קידוש פרייטאג צונאכטס, מאכט ער קידוש שבת אינדערפרי. מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר דאס מער ערקלערן מיט משלים ווי ס'קען זיך מאכן.

**הקדמה קצרה:** ביי הלכות תפילה איז דא אן הלכה:[73] אויב איינער האט פארפאסט, און ער האט נישט געדאווענט א תפילה, אויב איז מען געווען א שוגג, איז ביי די קומענדיגע תפילה, דאווענט מען צוויי מאל, אויב איז עס געווען במזיד, קען מען עס נישט משלים זיין.

די סיבה דערפאר איז ווייל דאס אז מען קען דאווענען די קומענדיגע תפילה צוויי מאל, דאס איז א תשלומין, דאס הייסט מ'באצאלט צוריק דאס וואס מ'האט דעמאלט געדארפט טון. און די תקנת חז"ל איז געווען נאר אויב ס'איז בשוגג, באונס. אבער במזיד, איז נישט דא קיין באצאלן.

ווידערואום ביי קידוש, איז עס אינגאנצן אנדערש. דאס אויב מען האט נישט קידוש געמאכט שבת ביינאכט, מאכט מען קידוש שבת צופרי, דאס איז נישט אז מען באצאלט דאס וואס מ'איז געווען מחויב צו טון ביינאכט, נאר די חיוב פון קידוש איז בעצם גאנץ שבת; נאר די חכמים האבן מתקן געווען לכתחילה אז מ'מאכט קידוש וואס פריער, וואס נענטער ווען די שב"ק קומט אריין, ממילא איז נישט קיין חילוק פארוואס מ'האט נישט געמאכט קידוש פרייטאג צונאכטס, אפילו במזיד, מאכט מען קידוש שבת צופרי.[74]

נאך א חילוק כאפט: ביי א קטן/קטנה,[75] אויב זיי האבן נישט געהערט קידוש שבת ביינאכט, אויב זיי דארפן מאכן קידוש שבת אינדערפרי - די קידוש פון ביינאכט. אויב ס'וואלט נאר געווען א תשלומין וואלט א קטן/קטנה נישט געדארפט מאכן קידוש צופרי,[76] אבער וויבאלד די הלכה איז אז ס'איז איין גרויסע חיוב אויף גאנץ שבת, דערפאר איז די הלכה ווי פאלגענד:

כ"ה] במזיד איז נישט שכיח!

אויב א מאן אדער א פרוי האט זיך נישט גוט געשפירט, (אדער א יולדת) און נישט געהאט קיין כח צו מאכן אדער צו הערן קידוש פרייטאג צונאכטס, מאכט מען קידוש שבת צופרי - די גאנצע נוסח פון ביינאכט, אויסער ויכולו; ויכולו זאגט מען נישט.

כ"ו] מ'דארף נישט מאכן צוויי מאל קידוש; איינס פאר ביינאכט און איינס פאר צופרי, נאר מ'זאגט איין מאל די נוסח פון ביינאכט און ס'איז גענוג.

## שאלה:

פארוואס הייסט די מאנטל וואס חסידישע אידן טראגן שבת - "רעשוואלקע"?

## תשובה:

עס איז אמאל געווען א גרויסע שר וואס איז געווען א גרויסער אוהב ישראל, ער האט זייער ליב געהאט אידן. ער פלעגט גיין מיט אזא סארט מאנטל, האבן די אידן אין יענע מקום אנגעהויבן גיין מיט דעם.

דער שר האט געהייסן ראזיווי"ל - האט מען עס אנגעהויבן רופן רעשוואלקע.

(מובא בספר מגן אבות על שב"ק - בשם הרה"ק ר' שלמה מבאבוב זצוק"ל)

כ"ז] אויב האט מען נישט קידוש געמאכט ביינאכט האט מען ווארשיינליך נישט געגעסן די סעודה פרייטאג צונאכטס, איז די הלכה; אז מ'דארף עסן בייטאג דריי סעודות; צוויי פון שבת צופרי און איין צו באצאלן די סעודה פון ביינאכט.

כ"ח] די הלכה גייט אויך אן ביי א קטן/קטנה, אויב זיי האבן נישט קידוש געמאכט פרייטאג צונאכטס און נישט געגעסן די ביינאכט סעודה, דארפן זיי דאס משלים זיין שבת אינדערפרי.

כ"ט] די זעלבע הלכה איז אויך ביי יו"ט; אויב מ'האט נישט קידוש געמאכט יו"ט ביינאכט און נישט געגעסן די סעודה, באצאלט מען עס יו"ט צופרי, אבער יו"ט דארף מען נישט עסן קיין דריי סעודות אינדערפרי, נאר צוויי; איין פאר בייטאג און איין משלים צו זיין די ביינאכט סעודה ווייל יו"ט עסט מען נישט קיין שלש סעודות.

### הגהות

73) סי' ק"ח סעי' ז'.

74) בהסבר הזה איתא בב"ח אות ז' - ובא בזה לשלול ד' רב עמרם גאון, דד' רב עמרם דבמזיד אינו יכול להשלים הקידוש שבת בבוקר משום דדעתו דהוי כמו תפילה, דהוי תשלומין - וכן הוא ד' רמב"ם - דסובר דהוי חיוב ארוכא על כל השבת, וכן פוסק המחב' דאפי' במזיד יכול להשלים.

75) די הלכה איז (מג"א סו"ס שמ"ג) (הובא בשו"ע הרב שם סעי' ג' ובמשנ"ב) א "קטן היודע מענין שבת חייב בקידוש" ד.מ. א קינד וואס פארשטייט אז שבת קודש איז א עדות אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, אין אינעם טאג פון שבת האט ער גערוט, איז ער מחיוב מדרבנן צו מאכן קידוש. ובחוות יאיר מקור חיים סי' רכ"ט דאין מחנכין הקטנים באמירת קידוש או להשגיח עליהם שישמעו, עד שיהיו בני ח' ט'.

76) כמו שמצינו בענין תפילה, אין נוהגין לחנך קטן בתשלומין (עי' בשו"ת בצל הכחמה ח"ה סי' קס"ט).




***אין קורצן פון פריער:** ר' יעקב יוסף הערמאן קומט אן קיין אמעריקע, טרעפט א גוט שידוך פון משפחת אנדראן.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט. אסאך גדולים זענען איינגעשטאנען ביי אים במשך די יארן.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

איין טאג איז די ברודער פון איידל, ר' ישראל איסר, געקומען אנטראגן אן אנבאט פאר זיין שוועסטער. "איידל, מיר פלאנען צו קויפן א נייע טיש מיט בענקלעך. אונזערע אלטע איז נאך אין זייער א גוטן צושטאנד. איך קלער אז דו וועסט זיך מחי' זיין דערמיט. דיין טיש איז שוין גוט אפגעדינט."

ער האט נאך צוגעלייגט, "דארפסט נישט זארגן. איך וועל עס אהערברענגען און ארויסטראגן דיין אלטע."

איידל איז געווען גליקלעך. זי האט שוין לאנג געקוקט אויף דעם טיש און געטראכט אז מען דארף עס בייטן. דאס האלץ איז געווען אפגעריבן און אפגעדינט און די בענקלעך האבן שוין געקרעכצט פון אלטקייט.

ווען רבי יעקב יוסף איז אהיימגעקומען האט זי אים דערציילט מיט שמחה אז ישראל איסר וועט ברענגען א נייע טיש מיט אכט שיינע באקוועמע בענקלעך.

רבי יעקב יוסף איז אבער בכלל נישט געווען אנציקט און צופרידן מיט דעם בייפאל. "איידל, איך בין נישט מסכים דערצו," האט ער גזאגט אנטשלאסן.

"פארוואס?" האט זיך איידל געוואונדערט, "עס קאסט אונז נישט קיין פרוטה."

אבער רבי יעקב יוסף האט איר מסביר געווען, "עס איז נישט צוליב די געלט. דו פארשטייסט, איידל? די מעבל איז ווערד זייער וואס אין גאלד! טראכט נאר אריין וויפיל תלמידי חכמים זענען שוין געזעסן ביי דעם טיש!"

דערביי איז ער ארומגעגאנגען און געגלעט יעדע בענקל מיט חביבות. "דא איז געזעסן רבי ברוך בער. און דא איז געזעסן רבי משה מרדכי עפשטיין! דארט איז געזעסן רבי אליעזר יודא פרענקל, און אויף דעם בענקל איז געזעסן דער גאון רבי אברהם קאלמאנאוויטש!"

אזוי איז ער ארומגעגאנגען און געגלעט יעדע בענקל מיט התרגשות. "וואו קענען מיר זיך שיידן מיט אזא אוצר?!"

אויך די מאמע איז אנגעשטעקט געווארן זעענדיג די ליבשאפט וואס איר מאן ווייזט ארויס צו לומדי תורה, און זי האט באשלאסן אז דער צעקריצטער און צעהאקטער טיש וועט בלייבן זייער אנטיק אוצר אויף אייביג.

ווען עס איז געקומען די צייט וואס רבי ברוך בער און רבי ראובן האבן זיך געגרייט אהיימצוגיין, זענען טויזנטער זיך צוזאמענגעקומען זיך צו געזעגענען פון די צוויי גדולים. די גאס האט געגרישט מיט אידן פון אלע שיכטן וואס זענען געקומען אפגעבן כבוד התורה. אינמיטן דעם געטומל האט רבי יעקב יוסף אויפגעזוכט זיין יונגע טאכטער רוחמה, "קום שנעל! דער צדיק וויל דיר געבן א ברכה."

ווי רוחמה דערציילט, "די ברכה באגלייט מיר א גאנץ לעבן!"

נישט אלעמאל זענען די געסט געווען אנגענעם. נישט אלעמאל זענען די געסט



מ. מאנן 10

געווען
אזעלכע גדולי עולם. א שטיק
צייט האבן זיי געהאט א גאסט יעדן שבת וואס האט פארלאנגט אז מען זאל אים צושטעלן אכט גלעזער קאכעדיגע בריעדיגע טיי, און ער פלעגט דאס אויסטרינקען אזוי שנעל ווי איינער טרינקט א גלאז וואסער.

צומאל זענען די געסט געווען פארווייטאגטע, סענסיטיווע מענטשן, ווייט פון זייער היים און משפחה. אבער די הערמאן משפחה האט זיך אפגעגעבן מיט יעדן ווי מיט א גדול בישראל.

איינער פון זייערע געסט איז געווען הרב דוד בער קרייזער, א צענטער דור פון דעם טורי זהב. ער האט געטראגן די נאמען פון זיין הייליגן זיידן רבי דוד בן שמואל הלוי זצ"ל.

רבי דוד האט חתונה געהאט ביי די אכצן יאר און זיך באזעצט אין סלוצק. דארט איז ער געווארן מגיד שיעור אין די סלוצקער ישיבה, וואס איז געגרינדעט געווארן דורך רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל. הרב מעלצער איז דארט געווען ראש ישיבה אינאיינעם מיט זיין גרויסן איידעם, רבי אהרן קאטלער זצ"ל.

נאך די ערשטע וועלט מלחמה איז די ישיבה אריבער די גרעניץ צו די פוילישע שטאט קלעצק. דארט איז רבי דוד געווארן איינער
פון די ראשי ישיבות.

אין יענע תקופה איז די ישיבה געווען זייער געדרוקט מיט געלט און דעריבער האט רבי דוד נישט געהאט קיין ברירה, נאר געמוזט איבערלאזן זיין משפחה און תלמידים און ארויסוואנדערן קיין אמעריקא, צו פרובירן צו שאפן געלט.

רבי דוד איז אויך געקומען איינצושטיין ביי משפחת הערמאן.

איין טאג, נאכ'ן זיך ארומשלעפן אין די קאלטע ניו יארקער ווינטערס צווישן די הייזער, איז דער גרויסער ראש ישיבה אהיימגעקומען אויסגעשעפט און אויסגעמאטערט. אויפן וועג אהיים האט ער זיך שטארק פארקילט.

רבי יעקב יוסף מיט זיין ווייב האבן זיך זייער אפגעגעבן מיט רבי דוד און זעענדיג אז דער ראש ישיבה הייבט אן באקומען פיבער, האבן זיי גערופן דעם דאקטער צו אים.

די מצב איז אבער נישט געווארן בעסער און מען האט געמוזט אפפירן רבי דוד אין שפיטאל. רבי יעקב יוסף פלעגט אים גיין באזוכן יעדן טאג און איבערגעבן א באריכט פאר זיין ווייב, וואס האט זייער געזארגט פאר אים. אבער ליידער איז געווען אנגעשריבן פון הימל אז רבי דוד דארף נפטר ווערן. און איין טאג ווען דער טאטע איז אים געגאנגען באזוכן, האט דער
שפיטאל שטאב מבשר געווען די בשורה אז רבי דוד האט צוריקגעגעבן זיין נשמה. רבי דוד איז דאן געווען אכט און פערציג יאר אלט.

רבי יעקב יוסף האט מסדר געווען די לויה און מען האט אים באערדיגט נעבן דעם גרויסן תלמיד חכם "דער מייטשעטער עילוי."

עס איז געווען א קאלטער פארוואלקנטער טאג ט"ז טבת תרצ"א. א טיפער טרויער האט ארומגענומען משפחת הערמאן וואס האט באגלייט זייער באליבטן גאסט, וואס איז שוין געווען ווי א חלק פון זייער משפחה. דער פארלוסט איז געווען זייער שווער פאר משפחת הערמאן.

די טראגעדיע איז געווען נאך שווערער, ווייל הרב קרייזער האט דאן געהאלטן ממש פאר'ן אהיימפארן צו זיין משפחה צו פראווען די חתונה פון זיין עלטסטער טאכטער. ליידער האט ער דאס נישט דערלעבט.

משפחת הערמאן האט געטראגן די שווערע אויפגאבע צו מבשר זיין די שוידערליכע נייעס פאר דער צובראכענער משפחה.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## ריכטיגע מעשיות

אין שטאט פיעטרקוב איז געווען א איד וואס ער פלעגט הערן פון חסידים שיינע סיפורי צדיקים און פלעגט אראפשרייבן די מעשיות פון צדיקים און ארויסגעגעבן גאר אסאך ספרים פון אט די מעשיות.

א זון פון דעם איד איז נתקרב געווארן צו ברסלב, און עס האט אים זייער נישט געשמעקט, ער האט געהאט אסאך צער און ווייטאג פון דעם ווייל ער איז געווען פון די מתנגדים אויף ברסלב. האט ער אנגעהויבן רודפ'ן זיין זון גאר שטארק.

דער זון האט עס נישט אויסגעהאלטן, איז ער אנטלאפן קיין אומאן און זיך דארט געדרייט מיט אנשי שלומנו. אזוי זיך ארומדרייענדיג מיט ברסלב'ע אידן האט ער אלץ געזען ביי זיי ווי זיי לערנען, דאווענען, מאכן התבודדות.

זיין הארץ איז געווארן אנגעווארעמט צו עבודת השם, ער האט זיך געלערנט פון זיי און ער איז געווארן א גרויסער עובד השם. ער האט אסאך געלערנט און געדאווענט, און אסאך צייט אין טאג פלעגט ער פארברענגען ביים ציון פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע.

איינמאל זייענדיג ביים ציון פונעם הייליגן רבי'ן איז ער זייער שטארק נתעורר געווארן און ער האט זיך דערמאנט פון זיין טאטע און די צער וואס ער האט אז ער איז נתקרב געווארן צום הייליגן רבי'ן, האט ער געבעטן דעם אייבערשטן זאל אים אריינשיינען וואס צו טון. ארויסגייענדיג פון ציון האט אים אריינגעשיינט צו שרייבן א בריוו



צו זיין טאטע און ער האט זיך גענומען שרייבן א לאנגע הארציגע בריוו. אינמיטן די בריוו האט ער געשריבן "טאטע! דו ביסט עוסק דיין גאנצע לעבן צו שרייבן מעשיות פון צדיקים און געבסט ארויס הפלא'דיגע ספרים פון סיפורי צדיקים, איך בין אנגעקומען צו אזא הייליגע פלאץ וואס ווער עס ווערט נאר מקורב דארט ווערט פון אים א שיינע מעשה....

האט מוהרא"ש אויסגעפירט אז דאס דארף יעדער איינער ארבעטן עס זאל ווערן פון אים א שיינע מעשה.

און דאס האט דער הייליגער רבי שוין בפירוש געזאגט "עס וועט זיין אסאך מעשיות צו דערציילן פון מיר און פון מיינע מענטשן".

און טאקע וועגן דעם פלעגן אנשי שלומנו דערציילן מעשיות פון ברסלב'ע עובדי השם ווייל דאס איז מעורר די יונגווארג אז זיי קענען אויך צוקומען צו דעם און זיין גרויסע עובדי השם.

מוהרא"ש האט אויך צוגעלייגט אז מען דארף געדענקען אז נאר א מעשה וואס שטימט מיטן שולחן ערוך דאס איז אן אמת'ע מעשה, ווייל א מעשה דארף געבן חיזוק פאר א מענטש צו פאלגן דעם שולחן ערוך, און אויב א מעשה איז זיך סותר מיטן שלחן ערוך איז די מעשה שקר און עס קומט פון די סטרא אחרא.

האט מוהרא"ש דערציילט: איך האב אמאל געליינט א מעשה אז ביים צדיק רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע איז געווען אמאל יום כיפור וואס ער האט זייער געוויינט ווייל ער האט געזען אז עס איז דא א קטרוג אויף כלל ישראל, האט ער שטארק געדאווענט און געוויינט אז עס זאל בטל ווערן די גזרה.

פארנאכטס איז ער געווארן מלא שמחה אז די גזרה איז בטל געווארן, האט ער געזאגט פאר די אידן אין שול אז מען קען שוין גיין אויספאסטן פאר נעילה. די מעשה איז שקר וכזב, ווייל א צדיק וואלט קיינמאל נישט געזאגט צו טון עפעס וואס די תורה לאזט נישט - אזא מעשה קומט פון די סטרא אחרא וואס וויל אפשוואכן אידישע קינדער. מען דארף וויסן אז א צדיק הייסט נאר טון זאכן וואס מאכט פאלגן די הייליגע תורה.

*שיחות מוהרא"ש חלק א' ערך סיפורים*



דעם הייליגן רבינ'ס

# לעבענסגאנג

ק"נ

## פארזעצונג פון פריער:

**נָאךְ פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן צְוֵויי זַאכְן, עֶר קֶען עֶס אָבֶער נִישְׁט זָאגְן וַוייל עֶס זֶעט אוֹיס וִוי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, וַוייל עַל פִּי פַּשְׁטוּת זֶעט טַאקֶע דִי זַאךְ אוֹיךְ אַזוֹי אוֹיס לִכְאוֹרָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דִי זַאכְן.**

**דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט גָאר שְׁטַארְק פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס מֶען קֶען דָאס גָארְנִישְׁט אָפְּשְׁרַייבְּן בִּכְלַל.**

פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶעצוֹיגְן צוּ גָאר אַ טִיפֶע שְׁמוּעֶס פוּן הִתְחַזְקוּת, אוּן דֶער תַּמְצִית וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּנֶעם שְׁמוּעֶס אִיז אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה, אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז גָאר שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם, יֶעדֶער סֵיי וִוי טִיף עֶר אִיז נָאר גֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן טָאר מֶען קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וַוייל תְּשׁוּבָה אִיז הֶעכֶער פוּן דִי תּוֹרָה, אוֹיב טוּט מֶען תְּשׁוּבָה, מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַז עֶס זָאל וֶוערְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת גָאר אַנְדֶערֶע זַאכְן, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יוּמָא פ"ו:) אַז דִי עֲבֵירוֹת וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ זְכֻיּוֹת.

עֶס אִיז דָא אִין דֶעם גָאר בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן, וָואס מִיר דַארְפְן אָבֶער אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז צוּ וִויסְן אַז סֵיי וואוּ אוּן וִויפִיל אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר גֶעפַאלְן, סֵיי וִויפִיל עֲבֵירוֹת אַ מֶענְטְשׁ הָאט נֶעבֶּעךְ עוֹבֵר גֶעוֶועןן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, קֶען מֶען אֵייבִּיג זֵייעֶר גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גָאר גְרוֹיס.

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ בְּעִיקָר נָאר אִין דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, עֶר זָאל אַלְץ וַוייטֶער שְׁרַייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן מִתְפַּלֵל צוּ זַיין, שְׁטֶענְדִיג זָאל עֶר דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, אַלֶעס וָואס עֶר פַאלְט דוּרְךְ, אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף.

צְוִוישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער רֶבִּי פְּלוּצְלִינְג גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט שַׁארִיגְרַאד, אַ וַוייטְקֵייט פוּן אוּמְגֶעפֶער 28 קִילָאמֶעטֶער פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב. דִי רֵייזֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערְסַאנְט, בְּפַשְׁטוּת הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פְּשַׁט פַארְוָואס דֶער רֶבִּי זָאל אַהִינְפָארְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר צְוֵויי וָואכְן. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי פְּלוּצְלִינְג אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אַנְטְלוֹיפְט וִוי פוּן פֵייעֶר, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דָארְט אַסַאךְ מָאל אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן גְרוֹיסֶע שְׂרֵיפוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שַׁארִיגְרַאד זָאלְן נָאר וִויסְן דִי גְרוֹיסֶע טוֹבָה וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעטוּן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶס פִיל בֶּעסֶער פַאר זֵיי וִוי עִפּוּשׁ", מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן, הָאט עֶר זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי עִפּוּשׁ קְרֶענְק, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל (בַּמִּדְבָּר ל"ג, א'), וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין כָּאטְשׁ אַבִּיסְל פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע טִיפֶע סוֹדוֹת וָואס אִיז גֶעלִיגְן אִין דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע נְסִיעוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס בְּפַשְׁטוּת הָאט מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי פְּשַׁט דֶערְפוּן.

דֶעמָאלְט, צְוִוישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף דֶעם גָאר שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת, אוּן דֶער עִיקָר מְנִיעוֹת הָאט עֶר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיין, וַוייל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר בֵּייזֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען צוּ אִים אַזוֹי סַאךְ, אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהַאט פוּן דֶעם אַסַאךְ מְנִיעוֹת אוּן יִסוּרִים יֶעדֶעס מָאל וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער רֶבִּי וֶועט זִיךְ בֵּייזֶערְן פַארְוָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים אַזוֹי שְׁנֶעל, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי אִים נִישְׁט לַאנְג פְרִיעֶר.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זֶען נָאכְאַמָאל דִי צוּרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף דִי אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*



# אבד חסיד מן הארץ



# אריינפיר

פארגאנגענעם דינסטאג נאכט פרשת יתרו י"ז שבט תשפ"ו (וואס איז אגב די זעלבע דאטום וואס מוהרא"ש זי"ע איז אוועק) האט דער גרויסער גאון און ראש ישיבה מורינו רבי אליקים בן רבי דוד שלעזינגער זי"ע צוריק געגעבן זיין לויטערע נשמה פארן אייבערשטן אין דעם טיפן עלטער פון הונדערט און פיר יאר!

אלס אן אייניקל וואס האט מיטגעהאלטן און זיך געדרייט ביים זיידן די לעצטע פאר יאר, איז מיר א זכי' צו באשרייבן זיין לעבנסגעשיכטע. עס וועט פארשטייט זיך נישט זיין מעגליך צו באשרייבן זיינע 104 יאר אין איין באשרייבונג, אבער פטור בלא כלום אי אפשר, מ'וועט גיין אין א סדר פון זיין געבורט ביז צו זיין פטירה, און פרובירן אנרירן געדאנקען וואס מ'געדענקט און מ'האט מיטגעהאלטן ביי פארשידענע געלעגענהייטן.

ישראל דוב העסקעל

**דער** גרויסער גאון איז געבוירן געווארן אין שטאט וויען נאך אינעם פריערדיגן וועלט איידער די צווייטע מלחמה, די וועלט וואס איז געווען א היים פאר די צדיקים און קדושים פון יענע יארן.

געבוירן איז ער אין א הייליגע שטוב, זיינע עלטערן זענען געווען זייער חשוב'ע מענטשן יראים ושלמים ווי אויך זענען זיי געווען די גאסטגעבער פאר פילע צדיקים פון יענע צייט וואס פלעגן דארט קומען באזוכן ביי רבי דוד שלעזינגער ז"ל וואס איז געווען א גרויסער עסקן און בעל צדקה.

## זיך געווייקט ביי גדולי הדור

ער האט געלערנט אין ישיבה אין די יונגע יארן אין די שטאט פרעשבורג, און שפעטער אין נייטרא ביים נייטרא רב זי"ע. שפעטער איז ער געפארן קיין ירושלים לערנען דארט אין ישיבה.

דארט אין ירושלים האט ער זוכה געווען זיך צו באקענען פון דער נאענט מיט אלע גדולי ארץ ישראל פון יענער תקופה, און אויך זוכה געווען צו זיין א בן בית און א באליבטער תלמיד ביי זיי. צווישן די גדולים איז געווען דער גאב"ד ירושלים זי"ע, הגרי"ץ דושינסקי זי"ע, און דער גאב"ד ירושלים הגאון רבי זעליג ראובן בענגיס זי"ע. ער איז געווען א בן בית ביים הייליגן חזון איש זי"ע און א תלמיד מובהק פון זיין גרויסן רבי מרן הגרי"ז מבריסק זי"ע, באקאנט אלס דער בריסקער רב.

## א שידוך ביי די זעכצן יאר

ווען ער איז געקומען אין די יארן פון שידוכים האט מען אים אנגעטראגן די טאכטער פון רבי משה אורי בלוי ז"ל (א ברודער פון דעם גרויסן קנאי רבי עמרם בלוי ז"ל) וואס איז געווען א גרויסער לוחם מלחמות השם און זייער שטארק פאראבעט מעשים אז די מדינה זאל נישט צושטאנד קומען. ער איז לא עלינו אומגעברענגט געווארן דורך די ציונים וועלכע האבן אים פארסמ'ט אויף א שיף אויפן וועג קיין פאריז וואו ער איז געפארן צו שתדל'ן קעגן די מדינה.

זיין טאכטער יהודית איז דאן אלט געווען זעכצן יאר, און פאר רבי משה אורי איז זייער געפעלן דער בחור וואס מ'האט אים אנגעטראגן - ר' אליקים שלעזינגער.

ער איז אהיימגעקומען און געזאגט פאר זיין טאכטער אז ס'איז דא פאר איר א גוטער שידוך, א פיינער בחור, און ער וויל איר א כלה מאכן מיט אים.

די מיידל האט אבער פארגעפירט אז אירע חבר'טעס זאגן אז זעכצן איז נאך צו יונג, און ס'איז שוין נישט די מאדע צו ווערן אזוי יונג א כלה. זי וויל ווארטן נאך א יאר, זי וויל בשום פנים ואופן נישט גיין צום שידוך!

איר טאטע רבי משה אורי האט איר געזאגט: "מיין טייערע טאכטער, צווינגען קען איך דיר נישט, אבער איך האדעווע נישט קיין אלטע מוידן ביי מיר אין שטוב, דעריבער פון מארגן אן קענסטו שוין נישט וואוינען דא!"

מיט די ירושלים'דיגע עקשנות האט זי געענטפערט: "בסדר, מארגן וועל איך גיין טרעפן ערגעץ אנדערש וואו צו וואוינען..."

יענע נאכט האט זיך רבי משה אורי געלייגט אין בעט שלאפן און מ'האט ארויסגעהערט פון זיין שטוב ווי ער אטעמט אויף א וועג ווי איינער וואס פארלירט דעם אטעם. ער קען זיך נישט כאפן דעם אטעם, ס'האט זיך ארויסגעהערט זייער שרעקעדיג... אינמיטן די נאכט האט זיך זיין טאכטער געבראכן און איז געקומען צולויפן צום טאטן אז זי איז גרייט צו גיין צום שידוך!

דעם קומענדיגן טאג איז רבי אליקים א חתן געווארן מיט דער טאכטער פון רבי משה אורי...

## זיין עבודה נאך די חתונה

נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין ארץ ישראל. דער חזון איש זי"ע האט אים געזאגט אז דו באלאנגסט אין בריסק, און דעמאלט האט ער זיך שטארק צוגעקלעבט צום בריסקער

רב זי"ע און אנגענומען די בריסקער דרך פון הקפדת המצות און די לומדישע דרך הלימוד און אזוי ווייטער.

שפעטער האט ער אליין געעפנט א ישיבה אין ירושלים מיטן נאמען "פני משה" אויפן נאמען פון זיין שווער. די ישיבה איז געשטאנען בנשיאות רבי זעליג ראובן בענגיס זי"ע גאב"ד ירושלים.

## אריבערגעצויגן קיין לאנדאן

אין יאר תשט"ז האט ער זיך געצויגן קיין לאנדאן כדי צו קענען געבן א גוטע חינוך פאר די קינדער. ער פלעגט אלץ זאגן אז דער בריסקער רב האט געזאגט אז אין ארץ ישראל איז די גאס מחנך די קינדער, דעריבער האט ער זיך געצויגן קיין ענגלאנד צו קענען געבן פאר די קינדער דעם חינוך וואס ער האט באקומען פון זיינע עלטערן.

ביי אים איז חינוך געווען עפעס וואס האט פארנומען זיין קאפ עד יומו האחרון. ער פלעגט זיך שלאגן אז מ'זאל ח"ו נישט צורירן צו דעם חינוך וואס מיר האבן באקומען פון אונזערע עלטערן, נישט איינגיין אויף קיין שום פשרות, זאל זיין וואס זאל זיין!

ווען ס'פלעגן ארויפקומען צו אים רבנים, רבי'ס, ראשי ישיבות און גוטע אידן, פלעגט ער אלץ ענדיגן דעם שמועס אז מ'זאל ח"ו נישט משנה זיין פון וואס מ'האט געזען ביי די עלטערן! ער איז געווען דער פאן-טרעגער פון אנהאלטן די מסורה און נישט גיין מיט קיין אייגענע חכמות.

ווען ער האט זיך געצויגן קיין לאנדאן, האט ער גראד געעפנט א ישיבה און איר א נאמען געגעבן "ישיבה הרמה", וואו ער האט מרביץ תורה געווען פאר די קומענדיגע זיבעציג יאר!

ער האט אוועקגעשטעלט טויזנטער תלמידים דורך די אלע יארן וואס ציילן זיך צווישן די היינטיגע רבנים און ראשי ישיבות.

ער איז געווען א גרויסער לוחם מלחמות השם און א קנאי.



זיין שווער רבי משה בלוי ז"ל



ביי זיין תנאים לינקס שטייעדיג ווערט געזען זיין שווער רבי משה בלוי ז"ל



ביי די חתונה פון רבי משה אהרן בן רבי יוסף דב סאלאווייציק פון רעכטס צו לינקס רבי אליקים שלזינגער רבי מאיר הלוי סאלאווייציק רבינו משולם דוד סאלאווייציק די חתן

ער פלעגט כסדר גיין שתדל'ן ביי דער רעגירונג פאר די געברויכן פון אידישע קינדער. ער פלעגט האלטן שארפע דרשות קעגן דעם ווינט פון ציוניזם וואס האט געבושעוועט.

## זיין קשר מיט הרב הקדוש מסאטמאר זי"ע

ער האט געהאט אנגעקניפט א שטארקן קשר מיטן הייליגן רבי'ן זי"ע פון סאטמאר. דער רבי זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט: "א פלא אז דער רבי אליקים טרעפט אלץ צו מיר צו...."

איינמאל האט ער געגעבן א דרשה אין ישיבה און זייער שטארק געוויינט אויף דער גזרה פון ציונות וואס כאפט זיך אריין ביי די פרומע אידן, און גערעדט שארף אויף איינעם פון די גרויסע ליטווישע ראשי ישיבות פון יענער צייט.

נאכן דרשה, אויפן וועג ארויס פון שול, זעט ער ווי איינער פון זיינע אייניקלעך פירט א קופקע און רייסט אראפ יענעם ראש ישיבה. ער איז צוגעגאנגען צום אייניקל און אים דערלאנגט א פראסק און אים אנגעזאגט אז ער זאל חלילה קיינמאל זיך נישט דערוואגן צו עפענען א מויל אויף א גדול בישראל!




**ווארטנדיג ביים באן מקבל פנים צו זיין הרה"ק מסאטמאר זי"ע. לינקס ווערט געזען הגרי"ט ווייס זצ"ל גאב"ד ירושלים**




**ביים שתדלן פאר בתי חיים ביי די פולישע רעגירונג באאמטע**

ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן א דור פון קינדער און אייניקלעך, רבנים, ראשי ישיבות און תלמידי חכמים.

מיט די יארן איז די ישיבה פארוואנדלט געווארן צו א כולל פאר אברכים וואס שטייט אין שפיץ פון זיין זון רבי יצחק שליט"א, און לעצטנס איז געעפנט געווארן א ישיבה קטנה בנשיאותו וואס שטייט אין שפיץ פון זיין עלטסטן זון רבי אליעזר שליט"א.

ווי אויך איז ער אלע זיינע יארן געווען פארנומען צו ראטעווען בתי חיים אין אייראפע און צוריק אויפשטעלן די בתי חיים. ער פלעגט אסאך פארן צו פארשידענע לענדער אין אייראפע וואו ער האט פאראדבעט שטארקע מעשים ביי די רעגירונגען אז מ'זאל חלילה נישט פארשוועכן קיין בתי חיים.

## מיינע זכרונות פונעם גרויסן זיידן

די לעצטע צען יאר וואס איך האב זוכה געווען צו קענען מיין זיידע, דער גרויסער גאון, האב איך ב"ה זוכה געווען צו הערן גוטע זאכן פון אים און צו משמש זיין וויפיל איך האב געקענט.

# אבד חסיד מן הארץ




***ביי אן עצרת אויף די גזירת החינוך אין לאנדאן רעכטס ווערט געזעץ אב"ד סטאניסלאוו לאנדאן ז"ל***



***ביים באקן מצות***



***טייל פון די פולע מאל וואס איך האב זוכה געווען צו זיין ביים זיידן מיט מיינע קינדערלעך (מערקט אויפן טיש איז כמעט אייביג געווען א חופש, תהילים און משניות)***

זיין גאנצע מציאות איז געווען תורה, לערנען און דאווענען! עפעס אנדערש האט ביי אים נישט פארנומען קיין ארט. איך געדענק די ערשטע ראש השנה וואס איך האב געוואוינט אין לאנדאן האב איך געגעסן ביי מיין זיידע. נאכן דאווענען

זע איך אן אינטערעסאנטע זאך: די שולליידיגט זיך אויס, יעדער וואונטשט זיך לשנה טובה און דער ראש ישיבה שטייט ביי זיין פלאץ און דאווענט שמונה עשרה... די שמועסערס זענען זיך שוין צוגאנגען, די שול איז געבליבן אינגאנצן ליידיג, נאר דער אלטער ראש ישיבה, וואס איז דאן שוין אלט געווען 96, שטייט ביי זיין פלאץ און דאוונט מיט בכיות נוראות. איך געדענק ווי איך האב באטראכט זיינע תנועות; ער האט זיך ממש געוואָרפן פון פחד. נאך בערך א שעה האט ער אויסגעטראטן שמונה עשרה און איך האב אים אהיימבאגלייט און זוכה געווען צו עסן ביי אים די סעודה.

פאר יום טוב פסח בין איך ארויף צו אים אין שטוב, און מיר האבן געמאלן אינאיינעם די ווייץ פאר די מצות. ס'איז געווען זייער אן אינטערעסאנטע מציאות צו זען ווי אזוי פון איין זייט גייט אלעס צו מיט די בריסקע הידורים און חומרות, און פון די צווייטע זייט האט ער געשמאק פארברענגט און געמאכט א געשמאקע אטמאספער.

## א ליבשאפט צו א צווייטן איד

די יארן וואס איך האב געוואוינט אין לאנדאן האב איך ב"ה געהאט די שכל צו ארויפגיין צום זיידן כמעט יעדן ערב שבת צוזאמען מיט די משפחה און די קינדערלעך. יעדע וואך האבן מיר געזען די זעלבע זאך, דער ראש ישיבה זיצט מיט א שמייכל איינגעבויגן אויפן גרויסן גמרא און איז אויסגעטון



זיינע ספרים 'בית אב'







אריינגעשריבן אין עטליכע פון זיינע ספרים וואס ער האט מיר געשאנקן

פון דער וועלט, ער אטעמט תורה. ווען ער האט באמערקט מיינע קינדער פלעגט ער זיך אפשטעלן און זיי אויפנעמען מיט א שמייכל, ער האט געגעבן א גוטע זאך פאר די קינדער און זיי געבענטשט. ער האט אונז געפרעגט וואס מיר מאכן, ער פלעגט זיך אלץ נאכפרעגן פונקטליך ווי אזוי אלעס גייט, און וואונטשן א ווארימע גוט שבת און צוריק צום גמרא!



זיין לעצטע נסיעה קיין ניכלשטאט צו זיין גרויסן זיידן דער בעל שם פון ניכלשטאט, וואס איך האב געהאט די זכיה מיטצוהאלטן



פארברענגט זומער מיט מיין עלטסטע זוהן נפתלי נ"י



ביים שרייבן חידושי תורה אין זיינע לעצטע יארן

## חזר'ן די אמונה

יעדן שלש סעודות פלעגט ער פארלערנען א שמועס אויף דער פרשה וואו ער פלעגט אלץ מחזק זיין אויף אמונה, אויף נישט נאכלאזן קיין קוצו של יוד אין אידישקייט, אויף לימוד התורה, און צו וויסן אז אין שום מציאות בלעדיך יתברך כלל.

## האבן א מורה דרך

ער האט געשריבן פילע חידושי תורה אויף כמעט אלע מקצועות התורה, וואס רוב רובם זענען נאך אין כתבים. זיינע ספרים האט ער א נאמען געגעבן 'בית אב'. אין די הקדמה שרייבט ער פון די ירושלמי: 'כל תורה שאין לה בית אב אינה תורה' - אז ס'איז נישט די זעלבע די תורה וואס א מענטש לערנט אליינס, צו די תורה וואס א מענטש לערנט אויפן וועג ווי אזוי ער האט מקבל געווען פון זיינע רבי'ס. און דער וואס האלט אן די מסורה פון לערנען ווי אזוי מ'האט מקבל געווען די מסורה פון די צדיקים, דער ווייסט וואס איז עיקר און וואס איז טפל.

ער שרייבט ווייטער אין די הקדמה אז די תורות וואס זענען געשריבן אין דעם ספר זענען פון שמועסן וואס זענען געגעבן געווארן פרייטאג צונאכטס פאר די תלמידי הישיבה, און די תורות זענען נישט סתם קיין שיינע פשטל'עך און

מסדר קידושין ביי זיין חתונה



דרשות, נאר עצות און הדרכות אויף אמונה אינעם אייבערשטן און אויף עבודת השם.

דערנאך שרייבט ער ווייטער: נישט אזוי ווי מ'זעט היינט אין געוויסע פלעצער אז מענטשן פירן זיך אן קיין מורה דרך, און קומען אן צו זיך פאפן מיט פאלשע עבודות וואס האבן נישט קיין שורש אין די תורה, ווייל ליידער זענען דא אסאך פארפירער וואס קענען זיך אליינס נישט פירן און פארדרייען דעם קאפ פאר דעם יונגן דור מיט פאלשע לימודים.

דעריבער רופט ער זיין ספר 'בית אב', אז אלעס פון דעם ספר איז מיוסד אויף די דרך וואס ער האט מקבל געווען פון די פריערדיגע צדיקים.

## זיין צוואה

אין זיין צוואה וואס ער האט געשריבן תש"ל (פאר איבער פופציג יאר צוריק) האט ער געשריבן אז ער וויל נישט מ'זאל אים באטיטלען 'ירא שמים', אבער דאס קען מען אויף איים יא זאגן אז ער האט ליב געהאט די תורה און ליב געהאט יעדן איינציגן איד!

די לעכטל האט זיך פארלאשן, די גוף וואס איז געווען רוב לעבן איבערגעבויגן העכער דער גמרא האט שוין



פורים



ביים זיך געזעגענען פון אונזער גרויסע זיידע פארן זיך ציען קיין קרית ברסלב

צוריקגעגעבן די נשמה פארן אייבערשטן.

## ווער נעמט איבער?

ווען א גרויסער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט פרעגן מענטשן אלץ "ווער נעמט איבער?" דאס זעלבע האט פאסירט ביים זיידן, נאך וואס ער האט אויסגעהויכט זיין לויטערע נשמה האבן מענטשן געוואלט וויסן ווער נעמט איבער?

איך האב אביסל אריינגעטראכט דערין... נעמט איבער וואס? נישט דא קיין מוסדות און קיין פירערשאפט, זיין מציאות איז נישט געווען א בנין אדער א שיעור, א טיש, א לבוש, אדער כלים וכו', זיין גאנצע מציאות איז געווען זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטן.

דאס איבערצונעמען מוז מען נישט זיין בנו הגדול, ס'מוז נישט שטיין קיין צוואה, מ'דארף נישט האבן געווען די לעצטע פאר יאר פון די גאר נאנטע... מ'דארף בכלל נישט זיין קיין יוצאי חלציו און אפילו קיין תלמיד דארף מען נישט זיין! אז דו לערנסט תורה יעדן טאג, אז דו פאלגסט א מורה דרך, ביזטו פון די וואס נעמען אים איבער.

# אבד חסיד מן הארץ

אבד חסיד מן הארץ, דער צדיק איז שוין נישט דא, אבער זיין מהות בלייבט דא פאר ווער ס'וויל נאכגיין דעם צדיק.

## די לויה

ביי דער לויה האבן די מספידים געזאגט אז דער לעצטער רינגעלע אין קייט צו די פריערדיגע דור, די פריערדיגע צדיקים, איז יעצט שוין נישט דא. אבער איך קען היינט צוקלעבן א נייע רינגעלע צו דער קייט און ווייטער ציען וואס דער גרויסער גאון האט אלע יארן געפרעדיגט: תכלית, תכלית, תכלית! זיך נישט אוועקרירן קיין איין פינטעלע פון וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע צדיקים, נישט גיין אליינס מיט דעם אייגענעם שכל און חכמות, און אז נאר תורה ותפילה איז א תכלית, נאר דאס איז אינטערעסאנט. נישט קיין חילוק אויב דו ביסט א שיינער איד אדער א פשוטער איד, יעדער איינער קען זיין דעם קומענדיגן רינגעלע וואס ציט ווייטער דעם קייטל, אויב ווערט מען ווייטער אנהאלטן דעם וועג פון אונזערע הייליגע צדיקים.

נעם א גמרא און זאג ארויס די זיסע ווערטער פון דער תורה, נעם א חלק אין ממלא מקום זיין דעם חלל וואס איז געווארן מיט דער הסתלקות פון דעם צדיק. איך גיי אין שול דאווענען אפילו, אפילו מיט אלע אפילו'ס, קוק איך נישט אויף גארנישט און איך קום אין שול. אינטערעסאנט אנצומערקן אז דער ראש ישיבה האט אלץ געדאווענט פון אינעווייניג אין א סידור, טראץ וואס ער האט בוודאי געקענט דאס דאווענען פון אויסנווייניג, און טראץ זיין טיפן עלטער האט ער אלעמאל געדאווענט פון א סידור בתמימות ופשיטות.

דאס קען איך נעמען פון דעם צדיק פאר מיך: בענקן צו ווערן זיין אן ערליכער איד און ליב האבן דעם אייבערשטן און ליב האבן די תורה.

זעידה, איך זע דיך זיצן אויף דיין בענקל מיט די האלבע טיי, איבערגעבויגן איבער דיין גרויסע גמרא. איך גיי דאס אויך טון! איך גיי נעמען א גמרא און זאגן די ווערטער, און שעפן מיין גאנצע חיות פון די תורה הקדושה, און בעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אויך זיין א צדיק, איך וויל אויך זוכה זיין צו שפירן די זיסקייט פון די תורה, איך וויל אויך זוכה זיין צו פארשטיין די לעכטיגע תורה.





מיט זיין זוהן - מיין שווער הגאון ר' מאיר שליט"א

# EXPANDED STAFFING TO BETTER SERVE PATIENTS

Our newly expanded care team now supports patients across **Bloomingburg, Liberty, Gibbers, Monticello, and the greater Catskills.**

Medease®

CARE AT HOME

845.208.2060

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**ערשטע טאג אינעם נייעם כולל בוקר אין ביהמ"ד היכל הקודש מאנסי - ב' יתרו**

קרעדיט: הערשי זאבעל



**שיעור לכבוד שובבי"ם דורך מו"ה אבא חייא רייזמאן שליט"א אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - ג' יתרו**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זי"ע אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - ג' יתרו**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





**הערליכע אויסשטעל פון ספרים ארויסגעגעבן דורכן קרן הדפסה ביים ארייננגאנג צום זאל - ג' יתרו**

קרעדיט: אייזיק ראטה, נפתלי זאבעל, שמעי פאדריגאל








**הערליכע אויסשטעל פון מתנות פאר די תומכים פונעם קרן הדפסה ביים יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זי"ע - ג' יתרו**

קרעדיט: אייזיק ראטה, נפתלי זאבעל
















**גרויסארטיגע יארצייט סעודה פון אונזער גרויסע רבי מוהרא"ש זי"ע אין מאנסי - ג' יתרו**

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, נפתלי זאבעל




**דער יושב ראש מו"ה אליעזר זוסיא ווערטהיימער הי"ו ביים אריינפירן צום מעמד - ג' יתרו**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**אין א שמועס מיטן דיין שליט"א ביים יארצייט סעודה - ג' יתרו**

קרעדיט: יוסי פרערויא




**מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו ביים אויפטרעטן מיט שיינע גראמען לכבוד דעם גרויסן טאג - ג' יתרו**

קרעדיט: אייזיק ראטה




**דער גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו ביים זיך באדאנקען פאר די חשובע תומכים פונעם קרן הדפסה - ג' יתרו**

קרעדיט: יוסי פרערויא







**דער אורח הכבוד מו"ה מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו ביים אויפלאמען דעם ציבור איבער די חשיבות פון שטיצן דעם קרן הדפסה - ג' יתרו**

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא




**ביים פארטיילן מתנות פאר די גרעסערע תומכים פונעם קרן הדפסה ביים יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע - ג' יתרו**

קרעדיט: יוסי פרערויא, אייזיק ראטה, נפתלי זאבעל






**דער ראש ישיבה שליט"א ביים אויפטרעטן ביים גרויסארטיגע יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע אין מאנסי - ג' יתרו**

קרעדיט: זלמן וויזעל, שמעון עוזר פערל





**הפצה טישל ביים יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זי"ע - ג' יתרו**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



**ביים זינגען אינעם סטודיא פונעם קרן הדפסה - ד' יתרו**

קרעדיט: יוסי זינגער



**יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זי"ע אין ביהמ"ד היכל הקודש רמה ב' בית שמש - ג' יתרו**

קרעדיט: זלמן וויזעל






**אידן פון אלע שיכטן און קרייזן בעטן זיך אויס ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע אין טאג פון די יארצייט - ג' יתרו**

קרעדיט: אהרן בלוי





**ביים באקן מצות אינעם קרית ברסלב מצה בעקעריי - ד' יתרו תשפ"ו**

קרעדיט: יוסי זינגער





**אנשי שלומינו העלפן אנגרייטן א נייע פלאץ פאר די בית הדפוס אין בני ברק - ה' יתרו**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





**ליל שישי שיעור אין לעיקוואד - ה׳ יתרו**

קרעדיט: אליעזר דייטש, יוסי פרערויא




**ביים ציון פון הרה״ק מריבניץ זי״ע אין מאנסי - ג׳ יתרו**

קרעדיט: יענקי פיש




**די געטרייע גבאים פונעם רענט קאמפיין ביים מתפלל זיין פאר אלע תומכים ביים ציון פון מוהרא״ש זי״ע אין טאג פון די יארצייט - ד׳ יתרו**






**די געטרייע גבאים פונעם רענט קאמפיין ביים מתפלל זיין פאר אלע תומכים און צינדן א לעכט ביים ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טבריה - ד׳ יתרו**

בס"ד

פרשת משפטים
אויסגאבע # 9

# אינדערהיים

# פיסטריט

ג. פעקעטע

**א באַרעגטער דעליווערי מאַן**
הער א מעשה

**איז ברסלב די ריכטיגע פלאַץ?**
ש. טראַכטער

**טראַפעלער**
ש. ל. פליישמאַן

# אינדערהיים



11



27

**בס"ד**
פרשת
משפטים
תשפ"ו
**נומער 9**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
פ. גליק

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידיש שטוב:
**212.444.9169**

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## טראפעלעך

דער ראש ישיבה,
מיט ווערטער פאזעטיווע,
טוט אזא קונץ,
לאזט זיך אראפ צו אונז.
מיט סבלנות,
און רחמנות.
מיר זאלן קענען,
די עצות פארנעמען...

פון די הימלישע שיעורים,
לאז דיר פירן.
טו עס just,
גארנישט עס קאסט.
באקומסט אין דיין האנט,
אזוי סאך פארשטאנד.
עצות און skill,
ווייכקייט און געפיל...

שטאט, slow motion,
וועסט דיך טוישן,
צוביסעלעך,
באקומסטו שליסעלעך.
די ריכטיגע כלים,
זיך צו היילן,
עפענען טירן,
דעם אייבערשטן שפירן...

שטאט, קוים דערקענבאר,
עפנט זיך א שער,
יעדע ווארט געבט אמונה,
מאכט אין דיר א שינוי.
עס געשעט נישט פלוצלינג,
ס'איז נישט א הויכע שפרינג,
עס גייט טראפ ביי טראפ,
דיין הארץ ווערט אויפגעשטאפט...

טראכט נישט, אבער, אויב...
נעם דעם צדיק'ס שטויב.
עצות נפלאות,
פאר מידות רעות.
זיינע עצות follow,
די מעדעצין swallow,
נעם די רפואות,
מיט "איין" ווארט, טו עס!

איין ווארט פון דיין ליפן,
פראביר ארויסצושטופן.
"באשעפער, טאטע זיסע,
איך וויל מיט דיר שמועסן..."
די ווערטער אזוי ווייניג,
זענען אזוי הייליג...
מיטן אייבערשטן רעד,
דיין זעהל, עס reset...

פון דעם שיעור באשטייט,
נאכאמאל די זעלבע רייד...
מען זעט נישט קיין אורות,
מען הערט נישט שווערע תורות.
נישט קיין פשטים טיפע,
זאגט דער ראש ישיבה.
נאר נאך א טיפ, נאך א hint,
וואס היילט און מאכט געזונט.

ביסט שוין יא געקומען,
אין רבין'ס קוואל שווימען...
לאז נישט ליגן די רפואות,
נאר נעם עס במציאות,
הער נישט ווי מ'שפעט,
אויפן היילגן רבין מ'רעדט,
בעט: באשעפער העלף מיר ווערן פרישער,
מיין גאנץ לעבן בלייבן מקושר...

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ש. טראכטער




# איז ברסלב די ריכטיגע פלאץ?

אפאר יאר צוריק האבן מיר זיך ארויסגעצויגן פון שטאט קיין מאנסי. אין יענע צייט זענען מיר געווען, פארשטייט זיך, זייער פארנומען מיט זוכן א דירה. יעדע פאר וואכן זענען מיר געפארן זען וואס איז אויף דעם מארקעט. עס איז געווען זייער שווער מחליט צו זיין. יעדע הויז האט געהאט אן "אבער."

איין הויז איז געווען לופטיג מיט גרויסע פענסטער, אבער עס איז געווען צוויי שטאק ארויף. א צווייטע הויז איז געווען באקוועם און לופטיג אבער אין א געדעכטע געגנט. א דריטע הויז האט נישט געהאט די צוויי חסרונות, אבער די טעקסעס (שטייערן) זענען געווען זייער הויך. און די פערטע דירה האט געהאט א חסרון אז מען האט גארנישט געקענט ארומטוישן דערין. די פינפטע דירה האט שוין געהאט אלע מעלות אבער עס האט נישט געהאט קיין אינקאם (הכנסה) וואס וואלט געהאלפן מיטן צאלן דעם מארטגעדזש. אן אנדערע הויז איז געווען פריוואט, לופטיג מיט אסאך שטח ארום און ארום, א פריוואטע גארטן וכו', אבער עס איז געווען אן אלטע הויז. אזוי האט יעדע הויז געהאט א צווייטן אבער.

גאנץ שנעל האבן מיר געמוזט איינזען אז "די וועלט איז נישט און מען קען איר נישט באקומען..." ווי רבי נתן האט זיך אמאל אויסגעדרוקט. (און

תורה ותפילה איז יא, און מען קען איר יא באקומען.)

בשעה טובה זענען מיר אריין אין קאנטראקט אויף א הויז. ב"ה עס איז לופטיג און באקוועם מיט אסאך מעלות, און יא... עס האט אויך "אבערס".

וויאזוי האבן מיר מחליט געווען צווישן אלע "אבערס"? זייער פשוט, מיר האבן געמאכט א חשבון. וואס זענען די מעלות פון די דירה? וואס איז אונז דאס וויכטיגסטע אין א דירה? און אויף וואס וועלן מיר דארפן פארציכטן?

ווען א מענטש קויפט א הויז, אדער בויעט א הויז, דארף ער לעבן מיט דעם חשבון. וואס איז מיר דאס וויכטיגסטע? ביי איינעם איז עס שיינקייט, ביי א צווייטן פראקטישקייט, ביי א דריטן איז עס אז מען זאל נישט ארויפצאלן מער וויפיל מען קען זיך ערלויבן (וואס פאסירט זייער אפט). נישט קיין חילוק וואס דיינע פריאריטעטן זענען, דארף זיך א מענטש מאכן א חשבון, "וואס איז מיר וויכטיג? אויף וואס קען איך נישט מוותר זיין און אויף וועלכע זאכן איז נישט געפערליך, אדער וואס וועט נאך נאכקומען מיט דער צייט בעז"ה?"

"איך וועל דיר אויסזאגן א סוד," דערציילט מיר א טייערע חבר'טע פון אנשי שלומינו.

"ווען איך האב זיך אריבערגעצויגן אין שטעטל בין איך געכאפט געווארן אין א שאק. איך האב געמיינט אז דא אין שטעטל איז וועמען כלם צדיקים. דו פארשטייסט? איך האב אזויפיל אויפגעגעבן אין לעבן, אלעס אנצוקומען צום אמת, און דא בין איך געווארן גוט צעמישט. עס זענען דא זייער פיל זאכן וואס שטערן מיר."

מען דארף נישט מופן אין שטעטל צו האבן די חלישות הדעת. דאס איז עפעס וואס כמעט יעדער שפירט ערגעץ

קוק אויף זיך אליינס. טראכט וויפיל שיעורים דו האסט שוין געהערט אויף שלום בית. און זאג מיר (נישט) וויפיל מאל דו פארגעסט זיך פון אלע שיינע לימודים.

אינמיטן התקרבות. איינער אין אנהייב, איינער שפעטער, איינער אמאל אמאל, און איינער כסדר.

ענליך קענסטו הערן פון מענטשן וואס האבן אריבערגעלייגט קינדער אין די מוסדות און טרעפן זיך קרעכצן אויף דעם פרט און יענעם פרט.

און באמת, עס איז זייער פארשטענדליך. דער מענטש טראכט צו זיך, 'מילא ווען איך האב געשיקט אין די אלגעמיינע סיסטעם מוסדות, האב איך געוואוסט, דא שיק איך, און דאס איז די פרייז וואס איך צאל. איך האב דאס געוואוסט.'

דער מענטש טראכט, 'אבער איך האב דאך אזויפיל אויפגעגעבן צו קומען קיין ברסלב.' (וואס באמת דארף מען זאגן די זעלבע זאך, "דא שיק איך און דאס איז די פרייז...") איינער משפחה, איינער פריינד, איינער כבוד, איינער געלט. יעדער אויף זיין אופן האט געהאט מסירת נפש איבערצולאזן זייער באקוועמע געוואוינטע לעבנסשטייגער און גיין "בארץ לא זרועה." אסאך פון אונז האבן דאס געטון כדי צו זיין אן אשה כשרה, אן ערליכע פרוי, און דא דערזעט מען זיך אז עס איז נאכנישט שלימות, עס איז נאכנישט די עולם התיקון וואס איך האב ערווארטעט.

דו ביסט גערעכט! דו ביסט 100% גערעכט. אויף דער וועלט איז נישטא קיין שלימות. ווילאנג משיח איז נישט געקומען און דער יצר הרע איז נאכנישט געשחט'ן איז קיין שלימות

נישט פאראן.

אבער אז מען קוקט עס אן מיט דעם משל וואס מיר האבן אנגעכאפט, למשל, ביים קויפן א הויז, קען מען זיך אביסל אויסקלארן דעם מח.

טראכט אריין, "וואס איז מיר דאס וויכטיגסטע פאר דעם חינוך פון מיינע דורות אויף וואס קען איך בשום אופן נישט פארציכטן? און וואס זענען זאכן וואס וואלט מיר זייער געשמעקט, אבער איך קען טראכטן אז דאס וועט בעז"ה קומען מיט דער צייט?"

א ביישפיל: ביי איינעם איז א חינוך מיט אמונה, תמימות, אמונת חכמים, אהבת ה', אהבת התורה, יראת שמים, דאס וויכטיגסטע.

זי וואלט געקענט ביישטיין אז איר טאכטער זאל קענען אלע ל"ט מלאכות ביי די אכט יאר. זי וואלט אפשר געוואלט א קלאס פון צוואנציג מיידלעך און אפשר אפילו פאראלעל (צווי קלאסן פון יעדן יארגאנג).

זי וויל ענדערש איר בחור זאל לערנען אין א ישיבה וואס לייגט יא דגוש אויף לערנען עיון, אזוי ווי זי איז געוואוינט פון אירע ברידער.

ביי איינעם איז עס "א נארמאלע בנין פאר די קינדער", ביי א צווייטן איז עס "א מוסד וואס איז נאנט צו דער שטוב", ביי א דריטן איז עס "א מוסד וואס שטעלט צו מער לימודים, ידיעות, פראגראמען און ארטס און קרעפטס."

ניטא קיין חילוק וואס דיין "אבער" איז, דארפסטו זיך מאכן א חשבון הנפש מיטן אייבערשטן. וואס איז דיין עיקר און וואס איז דיין טפל? אויף וואס קענסטו בשום אופן נישט פארציכטן

> ביסטו צעמישט? אנטלויף נישט דערפון. מאך א תפילה. בעט דעם אייבערשטן, "באשעפער, אויב איז היכל הקודש טאקע אזוי הייליג, מאך מיר א נס און צינד אן די פייער פון ברסלב אין מיין הארץ. און אויב מיר נארן זיך ח"ו, דאן העלף מיר, טאטע, טראג מיר צום אמת."

און אויף וואס קען מען ווארטן מיט סבלנות אז עס זאל זיך אויסגראדן?

און עס מוז נישט דוקא זיין מיט די מוסדות. ביי איינעם איז די "אבער" אז איך קען נישט אנקומען צו פרעגן מיינע ספיקות און שאלות. פארוואס דער יא און איך נישט?

ביי א צווייטן איז עס, "פארוואס די הנהלה...?" ביי א דריטן איז אן אנדערע קוועטש.

בזה העולם האט יעדע זאך אן אבער, אפילו רוחניות. דאס איז למען הבחירה והנסיון. שטעל זיך פאר אז היכל הקודש האט נישט קיין אבער... עס וואלט געווען אויס יצר הרע. משיח וואלט שוין דא געווען.

אוודאי מוז זיין אן אבער. "אבער" מיט אביסל שכל קען מען שנעל מאכן דעם חשבון פון עיקר און טפל.

ברסלב איז נישט טייטש "עולם התיקון". ברסלב איז מיר מיטן אייבערשטנ'ס הילף מתקן אויב איך פאלג די עצות. מען דארף אבער דערצו אסאך אסאך סבלנות, תפילות און אויך אן עין טובה.

זייער אסאך מאל ווערן מענטשן אפגעקילט ווייל, "איך בין געווען זייער שאקירט צו זען א ברסלב'ע מיידל רעדן מיט חוצפה צו אן עלטערע פרוי."

אדער, "איך בין געווען זייער אנטוישט זייענדיג אין שול און א יונג מיידל האט מיר געבעטן צוריקצוגעבן איר פלאץ. וואו איז די ברסלב'ע חינוך?"

"דאס הייסט נישט קיין מוסדות. מיין זון קומט אהיים און....."

"מיין טאכטער'ס לערערין האט זיי געזאגט.... איך בין אויס מענטש! צוליב דעם בין איך געקומען קיין ברסלב?"

"מיין בחור איז אהיימגעקומען און ער בעט מיר.... דאס איז ברסלב'ע ישיבה?!"

וואס דו זעסט איז נישט קיין שפיגל פון ברסלב. דאס איז א פערזענליכע, איזאלירטע פאקט פון א געוויסן יחיד.

קוק אויף זיך אליינס. טראכט וויפיל שיעורים דו האסט שוין געהערט אויף שלום בית. און זאג מיר (נישט) וויפיל מאל דו פארגעסט זיך פון אלע שיינע לימודים און...

זאג מיר (נישט) וויפיל מאל דו האסט פארפאקט די שיינע חינוך שיעורים אין לעדל און פארגעסן אלע כללים און זיך פארלוירן, געשלאגן אדער פארשעמט א קינד? מיר זענען אלע נאר מענטשן. דאס מיינט נישט אז די שיעורים טוען גארנישט אויף. דאס מיינט נישט אז "אין ברסלב האט מען נישט שלום בית, אדער ברסלב'ע עלטערן פירן זיך נישט שיין צו די קינדער."

דאס מיינט אז ברסלב'ע מענטשן זענען מענטשן, פשוט'ע מענטשן,



מיט די זעלבע נאטורן, חסרונות און געוואוינהייטן וואס זיי האבן געהאט איידער זיי האבן אנגעהויבן טרינקען פון דעם נחל נובע מקור חכמה.

זיי זענען ספעציעל וואוילע און גוטע מענטשן וואס "ווילן און שטרעבן" צו זיין גוט. אמאל שטייגן זיי און אמאל פאלן זיי אדורך. און די שיעורים זענען זיי כסדר מחזק אז זיי זאלן נישט פאלן, נאר אנהייבן נאכאמאל פון נייע.

א פעלער וואס דו זעסט, איז נישט דער מעסטער צו זען וואס היכל הקודש איז. אז דו הערסט עפעס אויף א שיעור און דו קענסט עס נישט פארנעמען, מיינט דאס נישט אז גאנץ היכל הקודש איז אפגעפרעגט. אז א בריוו האט אויפגעברענגט אין דיר חלישות הדעת מיינט דאס נישט אז אלע הונדערטער בריוו פון חיזוק און אמונה זענען אויס.

און אויב דו שפירסט אזוי אנטוישט און צעמישט, דאן ביסטו נאכנישט קיין "חסיד שנפל". עס מיינט נישט אז דו ביסט "נישט עכט מקורב."

דאס איז אלעס נארישקייטן, דמיונות און נסיונות! אז עפעס באדערט דיר, מיינט דאס אז דו לעבסט. אפשר איין טאג וועלן מיר אנקומען צו דער מדריגה פונעם רבי'ן אז "אויב באדערט מיר, באדערט מיר אסאך, איז באדערט מיר גארנישט!"

אבער דערווייל, אויף יעצט, אז עס באדערט דיר, אנטלויף נישט פון דער מחשבה. פארקערט, זיי אים מכבד מיט א בענקל און כאפ א שמועס מיט אים.

"ריכטיג, עס באדערט מיר אזוי און אזוי. עס שטערט מיר דאס און יענץ. אבער לאמיר איבערקלערן, פארוואס זענען מיר (אדער מיין מאן) געקומען דא לכתחילה? וואס האט אונז געכאפט? וואס געבן אונז די שיעורים, די בריוו? צי וויל איך אט דעם חינוך פאר מיינע קינדער? וועלכע חלק דערפון?"

יעצט מאך זיך א שנעלע חשבון. איז די זאך וואס באדערט דיר גענוג שטארק אז עס זאל איבערוועגן די מתנות, דעם שכל וואס דו האסט דא באקומען?

(לאמיר נישט רעדן יעצט פון א מינוט פון עקסטרעמע קטנות הדעת ווען דער מח זאגט, "גארנישט! גארנישט! גארנישט! איך וויל נישט און דארף נישט און איך שפיל נישט!" דאן דארף מען כאפן א קורצע דרימל, און אויסווארטן מיט סבלנות עס זאל אריבערגיין. מען מאכט נישט קיין החלטות ווען מען איז בקטנות. ווען א מענטש איז אין א גדלות קען ער דאן מחליט זיין וואס איז ריכטיג.)

אויב עס איז ווערד... דאן זיי זיך מחיה און מחזק און בעט דעם אייבערשטן אז די וועג פון ערליכע אידן זאל האבן חן ביי דיר. זאג פאר'ן באשעפער אז ער זאל דיר אויפלייכטן די וועג און דו זאלסט טאקע נאר זען גוטס דארט ווי עס איז באמת גוט.

און אויב דיין ענטפער איז, "איך ווייס טאקע נישט. אפשר וועגן די גוטע זאכן נישט איבער?"

דאן מאך תפילה און התבודדות. ווייין זיך אויס צום אייבערשטן אז "הורינו ה' דרכיך, ווייז מיר אייבערשטער די ריכטיגע וועג." זאג פאר'ן באשעפער אז דו ווילסט נאר איין זאך, טון רצון ה'. דו ווילסט ערליכע קינדער. זאג אים אז דו ווייסט אז עלטערן זענען מחויב צו געבן פאר זייערע קינדער די בעסטע חינוך וואס איז שייך. דערצייל אים דיינע בלבולים און בעט אים אז אויב איז היכל הקודש דער ריכטיגער פלאץ זאל ער דיר אויסקלארן דיינע ספיקות און בלבולים און דיר געבן א קלארן לויטערן מח, א פרייליך הארץ מיט תמימות - גאנצקייט!

דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל נאכדערציילט די מעשה וואס ווערט געברענגט אין ספר דברי יואל, איבער א פעטער פון הייליגן ישמח משה וואס האט זיך ליידער אריינגעכאפט אין אים א גדאנק אז אפשר איז כ"ץ ש"ץ די ריכטיגע דרך רח"ל.

דער רב האט נישט געוואוסט אז די כת איז פון די טמאה. איין טאג האט אים די רביצין אנגעמערקט: "זייט דו דרייסט זיך ביי די נייע כת, האב איך באמערקט אז דו וואשט זיך מער נישט צווישן פיש און פלייש."

אזוויוי דער רב האט דאס געהערט, האט זיין הייליג הארץ אנגעהויבן קלאפן און ער האט יענע נאכט צוזאמגערופן זיין גאנצע קהילה און דערציילט וואס זיין ווייב האט אים געזאגט.

ער האט דאן אויסגערופן ברבים צום אייבערשטן: "באשעפער, אויב איז דער נייער פלאץ נישט פון די קדושה, בעט איך דיר אלס תשובה, נעם צוריק מיין נשמה. אויב איז דאס יא אן ערליכער פלאץ, זאל איך בלייבן לעבן."

דער רב האט יענע נאכט צוריקגעגעבן זיין נשמה צום באשעפער. ער איז נישט אויפגעשטאנען.

די מעשה איז פאר אונז א שטארקע לימוד, א שטארקע דרך התפילה.

ביסטו צעמישט? אנטלויף נישט דערפון. מאך א תפילה. בעט דעם אייבערשטן, "באשעפער, אויב איז היכל הקודש טאקע אזוי הייליג, מאך מיר א נס און צינד אן די פייער פון ברסלב אין מיין הארץ. און אויב מיר נארן זיך ח"ו, דאן העלף מיר, טאטע, טראג מיר צום אמת."

מיט תפילה און תפילה און נאכאמאל נאר תפילה וועט דער אייבערשטער רחמנות האבן אויף אונז און אונז שפאלטן די מח צו זען און גיין נאר נאכן אמת'ן אמת.

ל




**אין קורצן פון פריער:** הבחור יוסף וואנקער אנטלויפט פון פוילן קיין אמעריקע, כדי נישט צו דארפן דינען אין מיליטער.

אויפן שיף טרעפט ער חיים ברוך, וואס איז שוין ליידער קאלט צו אידישקייט. ער שאקעלט זיך אפ פון אים.

ער קומט אן אליין אין ארגענטינע. ער טרעפט א איד וואס קען שמע ישראל.

איינער פון די ארטיגע אידן האט איינגעלאדנט יוסף צו קומען וואוינען ביי אים ביז ער וועט זיך מסדר זיין.

יוסף האט אנגענומען די אנבאט. דער איד האט צוגעשטעלט פאר יוסף אן אכסניא ווי פאר א קעניג.

די ארטיגע אידן זענען געווען רייך אין גשמיות, אבער ליידער אין דער זעלבער צייט איז זייער רוחניות געווען זייער ארים. זיי האבן געוואלט זיין גוטע אידן, אבער זיי האבן זייער ווייניג געוואוסט איבער אידישקייט.

דאס ביסל וואס זיי האבן אבער יא געוואוסט, האבן זיי אפגעהיטן מיט גרויס ערליכקייט.

א ביישפיל: זיי האבן זייער מכבד געווען א בית המדרש און אזוי אויך זענען זיי געווען שטארק מיט מאכלי שבת. ליידער האבן זיי נישט געוואוסט צופיל פון כשרות און אנדערע זאכן, און דאס האבן זיי נישט אנגעהאלטן.

עס איז פאר יוסף נישט געווען גרינג זיך צו האלטן ערליך, אין א פלאץ וואו אידישקייט איז ליידער געווען זייער שוואך.

ארגענטינע און מאנטיווידעיא האט אין יענע יארן נישט געהאט קיין ערליכן רב וואס האט אנגעהאלטן אידישקייט. זייער אסאך אידן אין יענער תקופה האבן נאך געוואוינט דארט פון די יארן ווען זיי זענען אנטלאפן אדער פארטריבן געווארן פון דער שפאנישער אינקוויזיציע. ליידער מיט די יארן איז זייער טייערע מסורה פארפאלן געווארן.

זיי האבן נישט געהאט קיין רבנים און אויך נישט קיין אידישע מוסדות פאר זייערע קינדער, און דערפאר איז נעבעך רוב אידישקייט פארפאלן געווארן. די קינדער פון די מסירת נפש'דיגע אידן האבן זיך זעלטן געהאלטן צו די טייערער מסורה.

אזוי האט זיך יוסף געטראפן אין א

אידישן מדבר. זיין שפייז איז געווען גרינצייג, פרוכט און אייער. דאס האט ער געוואוסט אז עס איז כשר.

די ארטיגע אידן זענען געווען זייער גוט צו יוסף. זיי האבן אים געהאלפן טרעפן אן ארבעט. יוסף איז געגאנגען ארבעטן ביי א סחורה פאבריק. ער פלעגט מאכן אפאר פעזאס (דאלארן) און זיי אהיימשיקן צו זיינע עלטערן. די מצב אין אייראפע אין יענע טעג איז געווען זייער שווער. סיי די פרנסה איז געווען זייער שוואך און דערצו האט מען אנגעהויבן לייגן גזירות אויף די אידן. מען האט געשמעקט מלחמה אין די לופט.

יוסף פלעגט זיך שרייבן בריוו מיט זיינע עלטערן. דאס איז געווען זיין טרייסט, זיין חיזוק. יוסף'ס טאטע פלעגט אים שרייבן שיינע חיזוק בריוו פונדערהיים. אויך זיין טייערע מאמע מלכה פלעגט אים שיקן טרערן געווייקטע בריוו און זיך בעטן ער זאל בלייבן תורה-טריי און זיך האלטן פעסט, ווייל אט אט גייען מיר זיך פאראייניגן מיט משיח און זיך טרעפן ווידער...

יוסף פלעגט ליינען און איבערליינען די בריוו. דאס איז געווען זיין לעבנס שטריק, וואס האט אים געהאלטן שטארק, טראץ די שווערע נסיונות, די דרוק פון די ארומיגע און די רייץ פון זיין ווי יעדער.

פון צווישן די בריוו האט יוסף פארשטאנען אז די מצב אינדערהיים איז ווייט נישט גוט. די נאציס, די רשעים, האבן אנגעהויבן שטורעמען מיט גזירות און רשעות און שווער געמאכט דאס לעבן פאר די אידן אין אייראפע.

טבת תרצ"ט איז געווען דאס לעצטע מאל וואס יוסף האט געהערט פון זיינע טרייע עלטערן.

אפילו אין די עלטערע יארן פלעגט דער זיידע יוסף זיך צעוויינען ווען ער האט גערעדט פון די לעצטע בריוו.

"מער האב איך נישט געהערט פון מיין משפחה. פון דאן און ווייטער בין איך געווען איינער אליין אויף דער וועלט. נישט אליין, ווייל א איד איז קיינמאל נישט אליין, דער אייבערשטער איז מיט אים, אבער א בחור אן משפחה, אן קיין פארבינדונגען צו קיין שום מענטש אויף דער וועלט."

יוסף דערציילט אז אין יענע מינוטן האט ער געשפירט אזא נאנטן קשר מיט'ן אייבערשטן וואס מען קען נישט מסביר זיין. ער האט געוואוסט אז דער אייבערשטער איז מיט אים, נעבן אים און ארום אים און אלעס וואס ער דארף וועט ער אים בעטן. כי אבי ואמי עזבוני וד' יאספני, מיין טאטע און מאמע האבן מיר פארלאזט אבער דו באשעפער ביסט מיין שטארקייט.

---

אלגא איז אויפגעוואקסן אין ארגענטינע אין די יארן פון ת"ש (קריגס יארן אין אייראפע).

זי איז געווען א יונג, זארגלאז קינד, וועלכע איז אויפגעוואקסן מיט גרויס רייכקייט. אירע עלטערן זענען געווען איינפלוסרייכע אידן אין ארגענטינע און איר טאטע פלעגט אסאך געלאדנט ווערן צום פרעזידענט, וועלכער פלעגט גלייכן צו שמועסן מיט אים.

זי איז אויפגעוואקסן אין א "קינטא", דאס איז א הערליכע ווילא ארומגענומען מיט גראז און ביימער. ביים אריינגאנג פון זייער פאלאץ איז אלעמאל געווען א שומר וועלכער האט געהיטן פון פרעמדע באזוכער.

אלגא איז געווען א גוט קינד. זי האט שיין מיטגעהאלטן די לימודים אין שולע און געפאלגט אירע עלטערן.

אלגא האט געוואוסט אז זיי זענען אנדערש ווי די סביבה. אלגא האט געוואוסט אז זי איז א איד. ליידער האט די ארגענטינער קולטור אריינגעדרונגען אין זייער הויז און מער ווי די סימבאלישע זאכן פון אידישקייט, למשל מצה אום פסח (ליידער נעבן חמץ), האבן זיי נישט געהאלטן.

צוזאמען מיט זיי אינדערהיים האט געוואוינט זייער אלטע פרומע באבע אסתר. אסתר פלעגט אסאך דערציילן פון איר יוגנט, וויאזוי אירע עלטערן זענען אנגעקומען אהער פון פארטוגאל, און וויאזוי זי האט זיך געראנגלט מיט גרויס מסירת נפש צו בלייבן ערליך.

די באבע אסתר פלעגט זיך אפט צעוויינען צוזעענדיג אז ליידער האלטן אירע אייגענע קינדער זייער ווייניג פון אידישקייט.

אלגא פלעגט אסאך זיצן און פארברענגען מיט די באבע אסתר, און ווען די באבע אסתר פלעגט ווערן טרויעריג פלעגט זי איר בארואיגן און זאגן, "באבע, וויין נישט. לערן מיר אויס און איך וועל זיך אויפפירן אזוי ווי מען דארף."

און די באבע פלעגט אסאך זיצן מיט איר אייניקל און איר דערציילן מעשיות פון דעם אידישן פאלק. זי האט איר דערציילט די פרשה און די מעשיות פון ימים טובים, און אביסל פון נ"ך, וויפיל זי האט געדענקט.

די באבע פלעגט איר אויך דערציילן העלדישע מעשיות פון מסירת נפש וואו זי אליינס איז געווען די העלדין.

די באבע אסתר האט איר דערציילט אז ווען זי איז געווען א יונג קינד האט מען געצווינגען אלע אידישע קינדער צו גיין אין פובליק סקול.

איר טאטע, ר' יעקב, פלעגט גיין צום פרעזידענט'ס שטוב און שרייען, "מיינע קינדער וועלן נישט שרייבן שבת."

"פארוואס?" פרעגט דער פירער זיך וואונדערן.

"ווייל מיר זענען אידן," פלעגט דער זיידע שרייען.

און ער האט געפועל'ט. די באבע אסתר איז געווען דאס איינציגסטע קינד אין סקול וואס האט נישט געשריבן שבת.

דארט אין סקול איז געווען א לערערין, א רשע'נטע. זי האט פיינט געהאט אסתר און דעם פאקט אז זי האלט זיך אזוי פעסט מיט איר אידישקייט.

ווען זי האט געקענט, האט זי געשריגן אויף אסתר, איר געגעבן א נידריגע צייכן אדער געגעבן א קנס. אסתר פלעגט אפשווייגן די בזיונות, ווייל זי האט געוואוסט אז מען טשעפעט איר נאר ווייל זי איז א איד.

זי האט אבער נישט געוואוסט ווי ווייט רשעות קען גיין.

אין טאג האט די לערערין געמאלדן פאר אלע קינדער אז מען גייט אויף א "סורפרייז" אויספלוג. מען זאגט נישט פאראויס וואו מען גייט, אבער עס גייט זיין זייער געשמאק.

אסתר, ווי אלע קינדער, איז געווען זייער פריילעך. זי איז דאן געווען אכט יאר אלט.

זי האט נישט גע'חלומ'ט וואס די לערערין פלאנט אונטער איר רוקן...

אלע קינדער האבן זיך געשטעלט אין די רייע און מען האט אנגעהויבן די שפאציר. די לערערין איז געגאנגען פאראויס און בשעת מעשה האט זי גערעדט און געזונגען און געמאכט זייער געשמאק די וועג.

פלוצלינג האבן זיי זיך אפגעשטעלט ביי א קלויסטער. נאך איידער אסתר האט געוואוסט וואס עס פאסירט, האט די לערערין אריינגעפירט אלע קינדער אינעווייניג און געמאלדן מיט א פייערליכע שטימע אז אט אט גייט אריינקומען דער גלח און אלע קינדער וועלן זיך ח"ו בוקן צום גלח מיט'ן צלם.

אסתר, זייענדיג קוים אכט יאר אלט, איז געווארן פארגליווערט. זי האט געוואוסט אז זי איז אַ איד און זי וועט זיך נישט בוקן – קיין חילוק וואס די פרייז איז.

זי האט אויסגעשריגן "איך בין אַ איד און איך וועל זיך בשום אופן נישט בוקן."

די לערערין איז געווארן אין כעס.

"עטיא," האט זי געשריגן, איר פנים רויט, "וויאזוי דערוואגסטו זיך צו צושטערן די גאנצע צערעמאניע?"

"איך וועל דאס נישט פארשווייגן! ווער מיינסטו דו ביסט? ווייל דו ביסט א יודא, מעגסטו טון וואס עס גלוסט דיר?"

אסתר האט אנגעהויבן וויינען, אבער זי האט נישט נאכגעגעבן. זי האט געוואלט ארויסלויפן, אבער די שלעכטע לערערין איז איר פארלאפן דעם וועג.

"ניין. ניין," האט זי געשריגן מיט צארן.

פלוצלינג איז פון ערגעץ וואו ארויסגעוואקסן א צווייטע פרוי וואס אסתר האט קיינמאל פריער נישט געזען. יענע פרוי האט גערעדט שטרענג צו דער לערערין. "וויאזוי וואגסטו זיך צו צווינגען א קינד? אז זי וויל נישט, איז נישט."

דאן האט זי אנגעכאפט אסתר און איר ארויסגעפירט פון דעם טמא'נעם פלאץ.

יארן שפעטער פלעגט אסתר זאגן אז דאס מוז זיין אליהו הנביא וואס איז איר געקומען ראטעווען אין יענע קריטישע מינוטן.

מיט די מעשיות איז אלגא אויפגעוואקסן און טראץ וואס אירע עלטערן זענען ליידער נישט געווען פרום, האט איר הארץ געברענט און זי האט געוואלט א פרומע לעבן.

ווען אלגא איז געווארן 13 יאר אלט, האט זי אנגעהויבן ציען צו א פרומע לעבן. זי פלעגט אסאך זיצן מיט דער באבע אסתר און הערן פון איר וואס דאס מיינט צו זיין אַ איד און וואספארא הלכות מען דארף היטן.

אבער נישט לאנג דערנאך איז די באבע אסתר נפטר געווארן און אלגא איז געבליבן איינזאם, אן איר מורה דרך.

זי האט זיך שטארק אנגעשטרענגט מיט איר יונגן שכל אויסצופירן וואס זי האט געקענט.

**פלוצלינג איז פון ערגעץ וואו ארויסגעוואקסן א צווייטע פרוי וואס אסתר האט קיינמאל פריער נישט געזען. זי האט גערעדט שטרענג צו די לערערין.**

אלגא האט זיך אנגעהויבן צו קליידן בצניעות (לויט אירע השגות).

זי איז מער נישט געגאנגען אין הויזן. אירע חבר'טעס פון קלאס האבן געשפעט פון איר מאדנעם נייעם סטייל קליידער, אבער אלגא האט זיך נישט דערשראקן. זי האט געוואוסט אז די באבע אסתר קוקט אראפ פון הימל און שמייכלט צו איר.

אויך האט זי פרובירט זיך אפצוהיטן שבת פון שרייבן און פארן מיט א קאר.

זי האט געדענקט אז חנוכה צינדט מען ליכט און פסח טאר מען נישט עסן ברויט. זי האט אפילו געצונדן ליכט פרייטאג צונאכטס.

אירע עלטערן זענען נישט געווען צופרידן מיט איר נייעם וועג, אבער דאך האט עפעס געפלאמט אין זייער הארץ און אין אנהייב האבן זיי איר נישט אפגעהאלטן.

זיי האבן געהאלטן אז צום סוף וועט זי אפלאזן די "קינדישע דורכגאנג" און איינזען דאס וואס זיי האבן איינגעזען אז "היינט איז אנדערש... רח"ל"

*פארזעצונג קומט אי"ה*

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Inderheim@bletelmagazine.com

## א פרוי פון
ארץ ישראל

איך האב באשטעלט א נייע שאנק פאר מיין קינדער צימער, מיר האבן אויך צוגעצאלט אז מ'זאל עס דעליווערן און אויפשטעלן אין מיין הויז. די קאמפעני האט אונז אנגעזאגט אז מ'מוז אנגרייטן פארקינג. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיין א ליידיגע פארקינג.

ב"ה ס'איז געקומען די טאג וואס מ'האט דעליווערט די שאנק, וואס איך האב שוין עכט שטארק געווארט אויף דעם.

ס'קומען ארויס פון טראק צוויי גוים, איינער איז געווען זייער א הויכער און שרעקעדיגער, ער האט אויסגעזען ווי א מאנסטער! קודם הייבט ער אן צו שרייען קולות אז מיר האבן נישט איבערגעלאזט א ליידיגע פארקינג, ווייל ער האט געדארפט פארקן אפאר מעטער אוועק פון טיר. נאכדעם ווען ער האט שוין מסכים געווען צו פארקן דארט, האט ער אנגעהויבן צו שרייען אז די עלעוועיטער איז נישט גענוג הויך און די העלצער פון די שאפע וועלן נישט אריינפיטן דארט.

איך האב אים געזאגט אז ער קען נוצן די טרעפ, איך וואוין נאר איין שטאק ארויף, האט ער ווייטער אנגעהויבן שרייען אז ער גייט בשום אופן נישט טון די ארבעט. איך וועל דארפן צאלן נאכאמאל געלט צו דעליווערן די זאכן מיט א טראק וואס האט א לייטער, אריינצוגיין דורכ'ן פענסטער.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען באקומען די שאנק, שיין אויפגעשטעלט און נישט דארפן צאלן נאך געלט פאר דעם, איך האב שוין געצאלט אזוי פיל.

עס האט אויסגעזען ווי דאס איז עס, זיי האלטן נישט ביי גארנישט. זיי וועלן אלץ טרעפן עפעס א אנדערע תירוץ. איך האב זיי געבעטן אז אפשר זאלן זיי קודם ארויפברענגען די שטיקלעך וואס זיי קענען יא.

איך בין אריין אין מיין צימער זיך צו קענען אביסל בארואיגן און איך האב זיי געלאזט ווייטער טון וואס זיי ווילן און שוין. אין מיין צימער האב איך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר העלפן מ'זאל קענען האבן א גאנצע פערטיגע שאנק, און איך האב שוין נישט קיין כח צו די שרעקעדיגע גוים.

נאך א שטיק צייט קום איך ארויס פון מיין צימער און איך זע ס'טוט זיך, מ'ארבעט פעסט. זיי האבן שיינערהייט אלעס ארויפגעברענגט, אינמיטן די ארבעט האט ער געמאכט זיכער צו שרייען נאך אפאר מאל, אבער למעשה האבן זיי עס געענדיגט נאך גאנץ א לאנגע צייט.

שכח אייבערשטער צום סוף האב איך א גוטע שאנק!

## ש. פיש
קרית ברסלב

שניי, שניי, שניי, ווער ס'וואוינט אין שטעטל זעט לעצטנס אלעס ווייס. איך האב אויפגעשאוט מיין דרייוויי יעדע מאל, אמאל האט עס גענומען א שעה, אמאל צוויי, איך האב אפילו נישט אויפגעשעפט די גאנצע נאר כדי צו קענען ארויספארן.

מיר האבן א שכן מיט א שווערער טראק, האבן מיר געטראכט אז מ'דארף ווערן גוט מיט אים. מיר האבן געטראכט אז מ'וועט דא דארט רעדן שיין און חנפנ'ען ביז אפשר צוויי חדשים וועט מען שוין קענען בעטן ער זאל אויפשארן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל טאקע קומען שארן ס'זאל זיך אויסארבעטן די פלאן.

איך קוק ארויס פון פענסטער און נישט מער און

נישט ווייניגער דער שכן מאכט א פעסטע דזשאב מיט זיין טראק. מיין מאן האט ארויסגעטראגן א קעיק און זיך באדאנקט, ער זאגט מיר אז ער האט עס געטון ווייל מיר האבן אים געטראגן א ענוועלאפ וואס איז אנגעקומען צו אונזער פאסט קעסטל, בקיצור א מעשה פון תפילה. שכח אייבערשטער.

## ש. לעזער
קרית ברסלב

איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב געקענט איבערטייטשן א חלק פון ספר המידות, איך האב גאנץ לאנג געארבעט אויף דעם, אז די מיידלעך זאלן קענען פארשטיין אויף א פשוט'ע אידישע שפראך די הייליגע מאמרים פון רבי'ן.

איך האב עס שוין ב"ה געקענט ברענגען אין סקול גרייט צו מאכן קאפיס, און לערנען אין קלאס מיט די מיידלעך.

איך האב עס געגעבן פאר די סעקרעטערי צו מאכן קאפיס, שפעטער קומט די סעקרעטערי אריין אין קלאס מיט קאפיס פון אפאר צעטלעך, אבער נישט פון אלע. אפאר צעטלעך קען זי נישט טרעפן.

איך האב דערציילט די מעשה פאר די מיידלעך און מיר האבן אלע צוזאמען געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל עס טרעפן, איך זאל נישט דארפן יעצט אנהייבן פון פריש די גאנצע ארבעט.

איך האב אויך געטון די סגולה פון געבן 72 פרוטות פאר רבי מאיר בעל הנס.

אזויוי איך האלט עס אינמיטן זאגן, זאגט מיר די סעקרעטערי אז זי דערמאנט זיך אז אסאך מאל קען אריינפאלן צעטלעך צווישן די קאפי מאשין און די וואנט.

זי איז געגאנגען קוקן און שכח אייבערשטער ס'איז דארט געליגן.

## ש. ח. שטיין
קרית ברסלב

**1.** איך האב געהאט א וויכטיגע דענטיסט אפוינטמענט פאר מיין יונגל, איך האב פראבירט צו רופן אפאר מענטשן אויב זיי קענען בעיביסיטן איינע פון מיינע צוויי קלענערע קינדער, אז מ'זאל זיך קענען רואיג אפגעבן מיט מיין אינגל.

איין מאל בין איך שוין געווען ביי א אפוינטמענט מיט די צוויי קלענערע, איך בין דעמאלט אהיימגעקומען זייער אויסגעמוטשעט און אויך האבן ביידע געוויינט בשעת דער דאקטער האט געטון די ארבעט. כ'האב געוואוסט אז איך מוז טרעפן איינער זאל זיי בעיביסיטן.

נאכן פראבירן 5 מענטשן און אלע האבן געזאגט אז זיי קענען פונקט נישט, האב איך עס איבערגעגעבן פארן אייבערשטן. כ'האב געזאגט: "אייבערשטער דו האסט מיר געגעבן די קינדער, העלף מיר איך זאל האבן בעיביסיטערס פאר זיי".

איך האב מיך שוין געדארפט לייגן שלאפן, נישט וויסנדיג וויאזוי איך וועל זיך קענען אן עצה געבן די קומענדיגן טאג.

איך שטיי אויף די נעקסטע צופרי זע איך א מעסעדזש פון איינע פון די מענטשן וואס כ'האב נעכטן געפרעגט. זי שרייבט מיר אז צום סוף גייט זי נישט ארויס און זי קען גערן נעמען ביידע קינדער.

**2.** לעצטנ'ס האט זיך מיין צוויי יעריגער אינגל אויסגעלערנט אליין ארויסצוקומען פון בעט, ער וועקט זיך אויף בערך 4 אדער 5 פארטאג'ס און ער וויל שוין בלייבן אויף. עס איז מיר געווען זייער שווער, ער הייבט שוין אן צו איבערדרייען די הויז, מיט די גאנצע ענערגיע, און איך וויל נאך אביסל שלאפן.

שבת האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל זיך אביסל אויסרוען, ער זאל שלאפן כאטשיג ביז 7:30. איך שטיי אויף צופרי און איך הער ס'איז רואיג און שטיל, איך האב נאך געהאט צייט זיך אביסל צו מסדר זיין. איך גיי קוקן כ'זעה ער שלאפט נאך, ער איז געשלאפן ביז 8:00.

שכח אייבערשטער פאר מיינע געזונטע קינדער.




# פיסטריט

אין דעם יעצטיגן ווינטער בליזארד, ווען עס איז דא פרעסטיגע טעג און נעכט, האט זיך אראפגעלאזט א גרויסער שניי אין ניו יארק. ראודס זענען געווען אפגעשפארט, ביזנעסער זענען געווען פארפרוירן, און קינדער האבן אין די קעלט פארברענגט פריי א טאג, נישט קענענדיג גיין אין חדר אדער שולע.

יענקל, אן עקספלארער פון נאטור אויס, האט זיך געפריידט אויף דעם טאג. ער האט ליב נעיטשער - די נאטור, ער האט ליב עדווענטשער, און ער האט ליב צו גיין עקספלארען. ער רופט אויס פרייליכערהייט צו זיין זון חזקי, "גיימיר!" חזקי קוקט אן דעם טאטן מיט וואונדער, און פרעגט ווי אזוי מען קען גיין אין אזא קאלטן, פארשנייטן, אייזיגן טאג.

יענקל דערציילט נישט צופיל, נאר גיט פאר זיין זון חזקי א ספעציעלן אנצוג וואס נעמט ארום דעם גאנצן קערפער, פון קאפ ביז פיס. ער זאגט אים זיך אנצוטון גארווארעם, ארייננצוקריכן אין דעם פול באדי סוט, און מ'גייט...

חזקי פאלגט זיין טאטן און שטייט גרייט ביים טיר, זיך ארויסצולאזן אויף אן אומערווארטעטער איבערראשונג. יענקל און זיין זון חזקי הייבן אן גיין. יענקל האט באשטעלט א ספעציעלע קאר זאל זיי טראגן אינדרויסן פון שטאט, ווי מ'קען גיין מאונטען

קליימינג, קריכן אויף די בערג. מיט זייערע הויכע שטיוול, ווארעמע הענטשקעס, און אראפגעצויגענע היטן ביז די אויגן, הייבן זיי אן קריכן די ווייסע בערג, לאזנדיג טיפע פוס טריט אונטער זיך.

אזוי גייען זיי צוביסלעך צוביסלעך, און חזקי שפירט שוין נישט די קעלט. ער הייבט אן הנאה האבן דעם אויספלוג מיט זיין טאטן. יענקל מוטיגט אים און זאגט, "חזקי, מיר גייען ארויפקריכן ביזן שפיץ בארג." חזקי האט באמת נישט געקענט חלומ'ען אז זיי וועלן עס מאכן ביז אויבן, אבער ער גייט נאך זיין טאטע שטאט און שטארק.

אזוי גייען זיי און גליטשען זיך אין די שניי, נאך א טריט נאך א טריט, איין פוס פאראויס א גליטש אויף צוריק, און ווידער נאכאמאל א פוס פאראויס און צוויי טריט אויף צוריק, אבער זיי זענען זיך מחזק און שטארקן זיך אז אט אט קומט מען אן ביים שפיץ בארג.

חזקי וויל פארשטיין וואס איז דער פשט פון טאטי'ס אנקומען ביזן שפיץ בארג, וואס וועט זיין דארט? דער טאטע איז אים מסביר אז אויבן ביים שפיץ בארג איז דא א הערליכע פאנאראמע וואס מ'קען זען א ווייסע וועלט, פארפרוירענע טייכן וואס שפיגלען אפ די זון שטראלן פון דער גאנצער אומגעגנט. "דאס איז אן איינמאליגע זאך," איז דער טאטע מסביר פאר חזקי, "ווען איז דא אזא הויכע שניי, אזא שטורעם אז איך זאל קענען האבן א טאג פריי צו פארברענגען מיט דיר, מיין טייער קינד חזקי, איך בין אזוי פריי'ליך אז מיר קענען צוזאמען גיין אויף דעם אויספלוג."

חזקי הייבט אן זיך אויסצוחלומ'ען די שיינע פאנאראמע וואס ער וועט קענען זען ביים אנקומען אויפן שפיץ בארג, אבער נאך א קורצע צייט איז ער ממש געווען כוח'לאז, ער האט נישט געקענט

## די הערליכע סצענע איז געווען עפעס אן אטעם-פארכאפנדע פאנאראמע, מ'האט געזען די גאנצע אומגעגנט באדעקט אין א הערליכע ווייסע גלאנציגע שניי, אפגעשפיגלט מיט שיינע זון-שטראלן..

גיין א טריט מער. זיין טאטע יענקל, פול מיט ענערדזשי און חשק, און אן אינעווייניגסטע פלאם פייער וואס האט הנאה פון די סארט עדווענטשערס, טראכט נישט קיין צוויי און נעמט חזקי ארויף אויף זיינע אקסלען, אזוי גייען זיי נאך א שטיק צייט. טאטע מיטן זון אויפן אקסל. ווען חזקי איז אביסל צו זיך געקומען און זיך צוריק געכאפט צו די כוחות, איז ער געווען גרייט אראפצוגיין און ווייטער קריכן דעם טיפן בארג.

אבער דאן האבן זיי זיך אנגעשטויסן אין א זייער טיפע שטרעקע וואס מען דארף האבן ערפארונג צו קענען דורכקריכן, ספעציעל אין אזא גליטשיגע שנייאיגע וועטער. דער טאטע זאגט פאר חזקי, "ווארט נאך אביסל און איך לייג דיך אראפ נאך די טיפע שטרעקע." אזוי קריכט דער טאטע ארויף, זיך אנהאלטנדיג מיט איין האנט אויפן בארג און באפעסטיגט חזקי מיט'ן צווייטן האנט רעכטס לינקס רעכטס לינקס, און זיי האבן עס דורכגעמאכט.

חזקי שפרינגט אראפ פון זיין טאטע'ס אקסל און הייבט אן לויפן פול מיט כוחות די לעצטע שטרעקע וואס איז געבליבן פון דעם הויכן בארג, זיין טאטע גייט אים שטאטליך נאך, און אט אט זענען זיי שוין דעם שפיץ בארג.

די הערליכע סצענע אויף וואס מ'האט אזוי געווארט צו זען, איז געווען עפעס אן אטעם-פארכאפנדע פאנאראמע, מ'האט געזען די גאנצע אומגעגנט באדעקט אין א הערליכע ווייסע גלאנציגע שניי, אפגעשפיגלט מיט שיינע זון-שטראלן.



עס גייט נישט פארביי א מינוט, און חזקי קוקט אויפן טאטן מיט גרויס וואונדער. ״טאטי,״ פרעגט ער, ״איך קען נישט פארשטיין וואס איך זע דא.״ דער טאטע קוקט אין די ריכטונג וואו חזקי ווייזט מיט זיין פינגערל. ״וואס פארשטייסטו נישט, חזקל?״ ״דא זענען מיר געקומען צו קריכן. יא טאטע,״ זאגט חזקי מיט א ווייטאג אין זיין שטימע, ״איך פארשטיי נישט, אזא שווערע בארג.״ און פונקט דארט ווייזט ער צו מיט זיין פינגער, ווי עס הייבן אן פאלן טרערן פון זיינע אויגן, דארט ביי דעם שווערן פלאץ אין דעם בארג וואו מ׳דארף קריכן אזא שווערע גראדע שטרעקע. ״איך זע נישט דארט דיינע פיסטריט, אז דו זאלסט מיך אנכאפן און העלפן גיין אויף דעם גראדן שטרעקע וואס מ׳דארף קריכן ממש אויף אלע פיר. איך זע נאר איין פאר פיסטריט, אנדערש ווי די גאנצע וועג ארויף ווי איך זע צוויי פָּאר, טאטע. וויאזוי קען זיין אז ביי דעם שווערסטן פלאץ האסטו מיך געלאזט אליין קריכן?״

עס פעלט נישט אויס צופיל צו מסביר זיין, אבער מיר זעען קלאר אז חזקי איז נישט קיין גרויסער חכם. ווער מיינסטו האט דיך געפירט, חזקי, ביי די שווערע שטרעקע פונעם גראדן בערג? אוודאי האב איך דיך געהאלטן אויף מיין אקסל, דו זאלסט קענען אנקומען ווייטער אויפן בארג.

אזוי איז מיט אונזער לעבן, עס מאכט זיך א שווערע טאג, און מ׳פילט ווי מ׳קלעטערט אליין, מ׳בלאנדזשעט אליין, און מ׳פאלט צוריק אינגאנצן אליין, אבער די שוועריקייטן גייען דורך. און ס׳ווערט ווארימער, די קעלט לאזט נאך, און די שניי לאזט זיך אויף, און נאר דאן קענען מיר צוריקקוקן און זען אז עס איז געווען דער אייבערשטער אליין וואס האט אונז דורכגעפירט די שווערע נסיונות, די שווערע שטרעקע אין לעבן.

מ׳דארף אבער עפענען די אויגן און אנערקענען און זען דעם אייבערשטן מיט זיינע גרויסע חסדים אין יעדן מצב. ווייל ווען עס גייט אונז שווער, איז עס דער אייבערשטער וואס העלפט אז מ׳זאל קענען דורכמאכן יענע שטרעקי. מ׳דארף נאר אויסרופן צו אים און בעטן: ״טאטע, איך פאל! טאטע, איך גליטש! טאטע, איך פיל ווי איך קען נישט דורכמאכן די שווערע שטרעק אין מיין לעבן!״ און דאן ווערט מען א געהאלפענער.

דער אייבערשטער הייבט אונז אויף און פירט אונז אריבער יענעם נסיון, יענע תקופה וואס קוקט אויס אוממעגליך איבערצוקריכן אליינס. ווייל אליינס קען מען טאקע נישט. מיר דארפן געדענקען שטענדיג אין יעדן מצב צו שרייען צום אייבערשטן וואס נאר ער וועט אונז זיכער העלפן. און דאן, ווען מ׳קוקט צוריק, זעט מען אז דווקא אין דיין נסיון, דווקא אין די שווערסטע צייטן, איז נאר דא איין פאר פיסטריט, ווייל דער אייבערשטער האט אונז קלאר געפירט צו א שענערע און בעסערע פלאץ אין לעבן.

# געמאלן

א מעשה פון תפלה




געמאלן: חי' וועבערמאן תחי'

געמאלן: רבקה וועבערמאן תחי'

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# קינדער היים



יארצייט פון די וואך

נייע רובריק

# דער מלמד דערציילט



# היימיש

א מעשה'לע פונדערהיים פארן קינדערהיים

## אסתי שיינט

"שרה שטיין." האט מיס אייכנשטיין אויסגערופן.

איך האב אויפגעהויבן די אויגן. ווער רופט מיר? אה, דאס איז מיס אייכענשטיין, די סעקרעטאר וואס פירט אן די פראגראמען אין סקול.

איך האב זיך אויפגעהויבן פון מיין זיץ און איך בין ארויס פון קלאס. אינדרויסן האט מיר מיס אייכענשטיין אפגעווארט מיט אן איבעראשונג.

"שרי מיר גייען אי"ה מאכן א פראגראם פאר ראש חודש שבט און איך וויל אז דו זאלסט זיין אין אונזער כאר."

איך האב זיך אוודאי געפריידט. איך בין שוין מערערע מאל גערופן געווארן צו זינגען ביי מסיבות פון סקול. שכח אייבערשטער אז איך האב די מתנה אז איך בין געבענטשט מיט א שיינע קול און איך פריי זיך ווען איך קען עס נוצן צו מהנה זיין אנדערע.

מיס אייכענשטיין האט מיר אריינגעטראגן אין איר שטיבל. צוביסלעך זענען צוגעקומען מער און מער מיידלעך פון אלע קלאסן. איך האב זיך ארומגעקוקט און געוואלט זען מיט וועמען איך וועלן פארברענגען.

דאן האב איך באמערקט אסתר. אסתר איז געווען א מיידל פון מיין קלאס, אבער איך האב איר קוים געקענט. נישט נאר איך, נאר איך מיין אז ממש קיינער האט איר נישט געקענט. אסתר איז געווען זייער א שטילע מיידל, איך האב אפילו נישט געקענט איר קול. זי פלעגט קיינמאל נישט אויפהייבן איר האנט אין קלאס און פלעגט קיינמאל נישט צולייגן צו א שמועס. דאס מערסטע וואס מען האט געקענט ארויסקוועטשן פון אסתר איז געווען א שעמעדיגע שמייכל אדער א קאפ שאקל. דאס איז נישט גערעכט פון אונזער זייט און באמת דארף מען זוכן צו רעדן מיט יעדן, אבער ליידער איז אזוי געווען די פאקט.

איך האב זיך געוואונדערט וואס אסתר טוט אין אונזער גרופע. ווייזט אויס אז מען וועט איר געבן א קליינע חלק צו זינגען כדי יוצא צו זיין. צו קען אסתר אפילו זינגען?

איך בין צוגעגאנגען צו אסתר און איר באגריסט. "איך האב נישט געוואוסט אז דו קענסט זינגען." האב איך איר געזאגט. אסתר איז געווארן שטארק רויט. זי האט זיך ארומגעקוקט אומבאקוועם. ענדליך האט זי זיך אנגערופן, "איך האב ליב צו זינגען." איך מיין אז דאס איז געווען די ערשטע זאך וואס איך האב געהערט פון איר זייט זי איז אריינגעקומען אין ערשטע קלאס.

מיס אייכענשטיין האט אונז דאן געבעטן צו זיין שטיל און אנגעהויבן אויסלערנען די ניגון פאר אונז. איך האב געכאפט א זייטיגן בליק אויף אסתר. אירע ליפן האבן זיך געשאקלט, אבער איך האב נישט געהערט איר קול. זי האט מיר אויך באטראכט און א רחמנות געפיל האט מיר ארומגענומען. איך האב געטראכט צו מיר



מיט ווייטאג פון די איינזאמקייט וואס זי גייט אריבער. איך האב געשמייכלט צו איר און זי האט צוריקגעשמייכלט. דערנאך בין איך געגאנגען זיצן נעבן איר.

שפעטער האט מיס אייכענשטיין איינגעטיילט די סאלא'ס. איך האב באקומען א סאלא. אסתר האט נישט באקומען קיין סאלא. זי איז געווען אויף 'הארמאני'.

איידער מיר האבן געענדיגט חזר'ן, האבן מיר אפגעשמועסט ווען און וואו מען וועט זיך טרעפן די קומענדיגע מאל. מיט פרייליכע טריט זענען מיר זיך צוגאנגען. איך האב זיך געאיילט צו מיין קלאס צומער מיט שנעלע טריט און פלוצלינג האב איך געהערט שטילע טריט הינטער מיר. איך האב זיך אויסגעדרייט און דערזען אסתר הינטער מיר. איך האב זיך אביסל פארשעמט. 'פארוואס האב איך נישט געווארט אויף איר?' האב איך זיך אליינס פארגעווארפן.

"אוי, אסתר..." האב איך זיך אנטשולדיגט, "איך בין צוגעוואוינט צו זיין די איינציגסטע פון אונזער קלאס ביי א כאר. זיי מיר מוחל... איך האב פארגעסן..." האב איך זיך אויפריכטיג אנטשולדיגט.

"עס איז אין ארדענונג." האט אסתר לייכט געשמייכלט, "מיס אייכענשטיין פירט שיין אן די כאר." האט זי פארגעזעצט דעם שמועס. איך בין געווען זייער שאקירט. אסתר קען רעדן, ווער וואלט זיך געגלייבט? מיר האבן אנגענעם פארברענגט דעם קורצן שפאציר ביז'ן קלאס און מיט א שמייכל זיך געזעגנט.

דעם נעקסטן טאג בין איך ארויס מיט אסתר פון קלאס און אסתר האט ארויסגעוויזן איר פרייד און אויך איר קענטעניס אין עולם הנגינה. זי האט מיר געפרעגט מיין מיינונג אויף א געוויסע ניגון און איך האב געשטוינט אז זי האט אייגנטליך געהאט גאר א שיינע קול.

אזוי איז אריבער א וואך פון חזרה. איך האב אנערקענט אז אסתר איז ביז היינט געווען הסתר-באהאלטן! אירע טאלאנטן און כשרונות האבן אנגעהויבן צו שיינען. אזוי אויך איר געזיכט. איך האב באמערקט ווי אסתר הייבט אן אויפצולעבן.

זעקס טעג פאר די מסיבה האב איך זיך אויפגעוועקט מיט א שוואכקייט אין אלע גלידער. ווען מיין מאמע איז מיר געקומען צויאגן און זאגן אז די באס קומט שוין, האב איך קוים געקענט עפענען די אויגן. איך האב זיך געבעטן פאר אביסל שלאף. מיין מאמע האט זארגפול באטאפט מיין שטערן און באשטעטיגט איר זארג, אז איך האב פיבער. "בלייב אין בעט. עס וועט האפענטליך אריבערגיין..."

"מאמי, איך מוז גיין אין סקול. מיר גייען חזר'ן פאר אונזער מסיבה." אבער די מאמע האט זיך נישט צוגעהערט צו מיינע לאגישע טענות, נאר מיר געברענגט אביסל טיילענאל און מיר ווארעם צוגעדעקט.

אויב האב איך געמיינט אז עס וועט בעסער ווערן, האב איך געהאט א גרויסן טעות. די אומשולדיגע פארקילאכץ האט זיך פארשפרייט און איך האב אנגעהויבן שפירן א שטארקע ווייטאג אין האלז. און נאך ערגער איז געווען אז מיין קול האט אנגעהויבן צו קריצן.

מיס אייכענשטיין האט מיר גערופן הערן פארוואס איך קום נישט און ווען זי האט געהערט וויאזוי מיין קול איז זי געווארן אביסל אנגעצויגן. "אוי וויי!" האט זי געזאגט, "ביז זעקס טעג דארפן מיר מאכן אונזער פארשטעלונג..." האט זי געזאגט אביסל נערוועז.

"איך ווייס." האב איך טרוקן באשטעטיגט. מיין פיבער האט אנגעהויבן ארויפקומען און איך זיך אנטשולדיגט און אראפגעלייגט דעם טעלעפאן. "רפואה שלימה. עס וועט בעז"ה אריבערגיין שנעל, איך וועל בעטן דעם אייבערשטן פאר דיר פאר א גאנצע רפואה." האב איך נאך אנגעיאגט צו הערן.

אן א ווארט האב איך אראפגעלייגט

# היימיש

דעם טעלעפאן און איך בין אריין אין בעט. די טאג איז אריבער, אבער די פארקילאכץ נישט. אויפצומארגנס איז גארנישט בעסער געווארן. איך בין געווען זייער צוטראגן. ווען מיין מאמע האט מיר אריינגעברענגט טיילענאל האט זי מיר געטראפן רעדן צום אייבערשטן און אים בעטן אז איך זאל קענען גיין גאר שנעל צוריק אין סקול.

"וואס גייט פאר שרי?" האט זי מיר ליבליך געפרעגט. "מאמי, איך וויל אזוי שטארק מאכן די מסיבה. אויב מיין קול בלייבט אזוי..." איך האב זיך צעהיסט, צולייגנדיג דראמע צו מיינע רייד, "דאן בין איך אויס-מחותן..."

מיין מאמע האט מיר געפרואווט צו בארואיגן אז עס וועט ווערן בעסער, און זי האט מיר דערמאנט אז דער אייבערשטער פירט אלעס און עס איז זיכער לטובה.

מיס אייכענשטיין האט נאכאמאל גערופן. דאסמאל האט זי שוין אויסגעזען מער אנגעצויגן. "קוק אהער, שרי, מיר ווען ווארטן נאך א טאג, אבער אויב עס וועט חלילה נישט ווערן בעסער, דאן... וועלן מיר מוזן זוכן איינע וואס זאל דיר איבערנעמען..." אירע ווערטער האבן זיך געהערט ווייט, פרעמד און זייער קאלט...

די נעקסטע טאג האט מיס אייכענשטיין ווידער גערופן.

"קוק אהער, שרי..." האט זי מיר געזאגט אביסל אומבאקוועם, "אלעס איז דער אייבערשטער. אז דער באשעפער וויל, וועסטו עס נאך מאכן. דו ביסט נישט ניי אין דעם עולם הנגינה און דו וועסט שנעל קענען אויפכאפן וואס דו האסט פארפאסט. אויב דו שפירסט זיך בעסער, קום אריבער שבת נאכמיטאג צו פייגי'ס הויז און דארטן וועלן מיר חזר'ן. אבער," זי האט געשלונגען אביסל נערוועז, "דאגה נישט אויב נישט. מאך נישט חלילה דרוק פון דעם. איך האב גענומען א מיידל וואס וועט זינגען דיין שטיקל אויב דו שפירסט נישט בעסער."

שרה האט זיך צעהיסט, "ווער?" האט זי זיך געוואונדערט, "אסתר ווײנפעלד." האט מיס אייכענשטיין ארויסגעזאגט די באמבע.

שרה איז געבליבן שטיל פון שאק. "שרי, דו ביסט מיט מיר?" האט מיס אייכענשטיין געפרעגט.

"אה, יא," האב איך מצליח געווען ארויסצושטאמלען, "זייער שיין. זאל זיין מיט הצלחה."

"אמן, אבער איך האף נאך זייער אז דו זאלסט עס מאכן." האט זי פראבירט מיר צו מחזק זיין.

אין אמת'ן וואלט איך זיך געדארפט פירן און פילן ווי אן ערליך מיידל, וואס לעבט מיט די לימודים פון רבי'ן. דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט אונז כסדר וואס איז עיקר און וואס איז טפל. מיר דארפן לעבן מיט תכלית מיט מצוות און מעשים טובים. אבער וואס זאל איך אייך זאגן? איך האב זייער געוואלט זינגען ביי די פראגראם און זיי די סאלא וואס אלע וועלן קענען הערן פון מיר.

און דער יצר הרע איז אריינגעקראכן אין מיר און מיר געמאכט שפירן אזוי... בעל גאוה'דיג...

"אסתר?" האב איך געפרעגט צו מיר אליינס. "אסתר גייט איבערנעמען שרי?" עס איז מיר געווען זייער שווער דאס אראפצושלינגען. עס האט מיר נישט געפאסט. איך בין דאך פון אלעמאל געווען די שטערן פון די זינגערס און אסתר... איך מיין זי איז זייער א זיס מיידל, באמת, אבער... אבער... זי איז נישט שרי שטיין.

איך האב דאס נישט דערציילט פאר קיינעם פארשטייט זיך, נאר איך האב עס געטראכט צו זיך אליינס.

מאנטאג אינדערפרי, די טאג פון די מסיבה האב איך זיך דערוועקט פרי. איך האב געשפירט א פרישקייט אין מיינע ביינער. 'צו איז מעגליך אז איך שפיר זיך בעסער?' האב איך זיך געוואונדערט. איך האב זיך אפגעגאסן נעגל וואסער און אראפגעטרעטן פון בעט.



א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

"מאמי!", האב איך געשריגן איבעראשט, "איך פיל זיך גוט!"

מיין מאמע האט, ווייזט אויס, נישט אזוי געגלייבט מיין איבעראשונג. זי האט מורא געהאט אויב דאס איז נישט די טרייב קראפט מיט וועלכע איך האב זיך געטריבן צו גיין אין סקול.

זי האט געטאפט מיין שטערן און זיך ווירקליך איבערצייגט אז יא! מיין פיבער איז אראפגעקלאפט און איך שפיר זיך טאקע בעסער. "א מעשה פון תפילה!" האבן מיר ביידע אויסגערופן איבעראשט.

אבער מיין מאמע האט זיך אביסל געזארגט, "דו ביסט זיכער אז דו האסט כח צו גיין און זינגען היינט?" האט זי געפרעגט.

"זיכער. שכח אייבערשטער. איך האב אזויפיל געבעטן פאר די נס." האב איך איר בארואיגט, און מיט באנייטע כוחות האב איך זיך שנעל אנגעטון און זיך געגרייט צו גיין אין סקול.

"איך וועל זיי אלעמען איבערראשן." האב איך געקלערט צו זיך מיט א קיצל פון פרייד.

אויפ'ן וועג צו סקול האב איך זיך פלוצלינג אפגעשטעלט. איך האב דערזען אסתר גיין פונדערווייטנס. זי האט שפאצירט פריילעכערהייט, ארומגענומען מיט אפאר מיידלעך פון אונזער קלאס און... געשמועסט! איך האב נאך קיינמאל נישט געזען אסתר אזוי צופרידן. דאס האט מיר געמאכט זיך אפשטעלן און טראכטן א מינוט.

**איך האב געטראכט פון אסתר'ס איבערראשונג היינט אינדערפרי. זי האט נאך מן הסתם קיינמאל אין איר לעבן נישט געשפירט אזוי פריילעך און איבערגענומען ווי היינט! און איך... גיי איר אוועקנעמען די גליק?!**

איך האב אויסגעדרייט מיינע טריט צו א זייטיגע שטילע גאס און באשלאסן אז איך גיי זיך מתבודד זיין.

איך האב געטראכט פון אסתר'ס איבערראשונג היינט אינדערפרי. זי האט נאך מן הסתם קיינמאל אין איר לעבן נישט געשפירט אזוי פריילעך און איבערגענומען ווי היינט! און איך... גיי איר אוועקנעמען די גליק?!

"באשעפער," האב איך געזאגט, "דו ווייסט ווי שטארק איך וויל זינגען ביי די מסיבה. אבער איך טראכט אז אסתר וויל נאך מן הסתם אסאך מער ווי מיר זינגען. איך ווייס נישט וואס צו טון. באשעפער, וואס איז ריכטיג? וואס זאל איך טון? זאל איך אויפגעבן? אבער איך וויל עכט שטארק..."

אזוי האב איך זיך אויסגעשמועסט א מינוט צוויי מיטן אייבערשטן און דאן האט מיר אריינגעבליצט אין מח וואס איז ריכטיג. ריכטיג איז צו געבן פאר אסתר א געלעגנהייט!

איך האב אויסגעדריידט מיינע טריט אין די פארקערטע ריכטונג. איך בין אהיים. מיין מאמע האט זיך דערשראקן מיר צו זען צוריק. "וואס האט פאסירט?" האט זי מיר געפרעגט ערשטוינט.

"גארנישט. איך קלער אז בין נאך אביסל שוואך. אפשר וועל איך אריינגיין אין סקול נאר אויף אפאר מינוט צו מיטהאלטן די פארשטעלונג."

מיין מאמע איז געווען איינשטומיג מיט מיר, "איך האלט אויך אזוי. דו דארפסט נאך א טאג-צוויי צו קומען צו זיך. איך וויל נישט אז די זאלסט צוריקפאלן."

...

די לעקטערס האבן געשיינט, די מייק האט זיך אנגעצינדן. איך בין אויך דארט געווען, אבער היינט האב איך נישט געהאלטן די מייק. אסתר האט געשיינט. און ווען איר קול האט זיך געהויבן און איר שטומע האט אנגעפילט די אדיטאריום האב איך זיך געפילט רואיג און גליקליך.

איך האב געוואוסט אז איך זינג אויך. א זיסע געזאנג פון זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן, און מאכן שפירן גוט א צווייטן, וואס דאס איז באמת די געשמאקסטע זאך וואס קען נאר זיין, און דאס האט דער אייבערשטער זייער ליב!

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **דער רבי זי"ע פון סאטמאר**

שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה





גיטי סאקס



שרה'לע יאקאבאוויטש



שרי שטיינבערג

# דער מלמד דערציילט



## נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן אַ צְוֵייטְן

שִׁמְעוֹן אֵייזֶענְבֶּערְג אִיז גֶעוֶוען דֶער מַתְמִיד פוּן חֵדֶר. "אַ גָאוֹן וֶועט עֶר וַואקְסְן" הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט נִישְׁט אֵיינְמָאל אוֹיף אִים. יֶעדֶער הָאט גֶעוואוּסְט אַז אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶפֶּעס נִישְׁט אִין גְמָרָא אָדֶער רַשִׁ"י גֵייט מֶען צוּ שִׁמְעוֹן אֵייזֶענְבֶּערְג.

שִׁמְעוֹן פַארְמָאגְט אַן אַייזֶערְנֶע קָאפּ. נִישְׁט אוּמְזִיסְט הֵייסְט עֶר אֵייזֶענְבֶּערְג. אָבֶּער אוֹיךְ פַארְמָאגְט עֶר אַ גָאלְדֶענֶע הַארְץ. עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּגֶעזָאגְט אַ צְוֵייטְן. עֶר הָאט אַלֶעמָאל יֶעדְן גֶעהָאלְפְן אוּן גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף אַלֶע שְׁאֵלוֹת.

אוּן זַיין דַאוֶונֶען... אוֹי, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ דַאוֶונֶען. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְ'ן סוֹף אוּן גֶעדַאוֶונְט זֵייעֶר עֶרְלִיךְ.

עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזַא סָארְט אִינְגְל וָואס עֶקְזֶעסְטִירְט נָאר אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ. אִיךְ הָאבּ אִים אַלֶעמָאל מְקַנֵא גֶעוֶוען. אָבֶּער נִישְׁט דִי סָארְט קִנְאָה וָואס מֶען אִיז מְקַנֵא אֵיינֶער וָואס הָאט אַ נֵייעֶ מֶעכְטִיגֶע שְׁפִּילְצֵייג. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶע סָארְט קִנְאָה, אַ רוּחָנִיוּת'דִיגֶע קִנְאָה.

אִיךְ הָאבּ נָאכְגֶעקוּקְט שִׁמְעוֹן אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ דַאוֶונֶען אַזוֹי וִוי אִים. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט מִיטְצוּהַאלְטְן אִין חֵדֶר אַזוֹי וִוי שִׁמְעוֹן. אִיךְ בִּין טַאקֶע גֶעשְׁטִיגְן אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁמְעוֹן אֵייזֶענְבֶּערְג.

אִיךְ הָאבּ גֶעוִויסְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי גוּטֶע וֶועג פוּן נָאכְקוּקְן יֶענֶעם, אוּן וֶועלְן זַיין אַזוֹי וִוי אִים, אִיךְ דַארְף זַיין דָאס וָואס אִיךְ קֶען זַיין, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן שִׁמְעוֹן. יֶעדֶע מָאל עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין מַיין קָאפּ וֶועגְן שִׁמְעוֹן, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטִילֶערְהֵייט אִיךְ זָאל נִישְׁט מְקַנֵא זַיין, אִיךְ זָאל וֶועלְן וַואקְסְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר בַּאשַׁאפְן מִיט מַיינֶע טַאלַאנְטְן וָואס אִיךְ הָאבּ.

אֵיין טָאג הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִיבֶּער דֶעם אַז עֶס אִיז אָסוּר אַרַיינְצוּקוּקְן אִין אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע בְּרִיוו פוּן אַ צְוֵייטְן. מַמָּשׁ יֶענֶע טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו אַ מִינוּט אֵיידֶער דֶער מְלַמֵד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִיוו פוּן אַן אַנְדֶערֶע אִינְגְל וָואס הָאט מִיר גֶעוָואלְט אִיבֶּערְבֶּעטְן אִיבֶּער אַ זַאךְ וָואס הָאט פַּאסִירְט צְוִוישְׁן אוּנְז.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ צֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעקוּקְט צוּ דִי בְּרִיוו. אִיךְ הָאבּ גֶעוִוינְקֶען צוּ שִׁמְעוֹן וָואס אִיז גֶעזֶעצְן נֶעבְּן מִיר אַז פּוּנְקְט יֶעצְט לֶערְנְט מֶען הֲלָכוֹת פוּן אַ בְּרִיוו אוּן אִיךְ הָאבּ אַ פְּרִיוַואטֶע בְּרִיוו אוֹיף מַיין טִישׁ.

צוּ מַיין שָׁאק הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער וִוי שִׁמְעוֹן בֵּייגְט זִיךְ אִיבֶּער אוּן קוּקְט שְׁטַארְק אוֹיף מַיין בְּרִיוו, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל אָפְן.

אִיךְ הָאבּ קְלָאר גֶעזֶען וִוי עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן מִיט אַן אַיינְגֶעקְנֵייטְשְׁטֶע שְׁטֶערְן צוּ קוּקְן שְׁטַארְק אוֹיף דִי בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שָׁאקִירְט! שִׁמְעוֹן?! פוּן אִים וָואלְט אִיךְ עֶס נִישְׁט עֶרְוַוארְטֶעט! שִׁמְעוֹן אַלֵיינְס? עֶר אִיז דָאךְ דֶער צַדִיקְ'ל פוּן כִּתָּה.

"עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטְ'עֶר פָּאפֶּער." הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט מִיט שְׁטוֹינוּנְג. אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אָבֶּער דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ פַּאקְט. שִׁמְעוֹן הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין קוּקְן אִין מַיין רִיכְטוּנְג.

אִין מַיין הַארְץ הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ דַארְף אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צוּ אַנְטוֹישְׁט אִין אִים. שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען מַיין וֶועג-וַוייזֶער. צוּלִיבּ אִים בִּין אִיךְ אַזוֹיפִיל גֶעשְׁטִיגְן. אוּן אָט... אַזַא אַנְטוֹישׁוּנְג?? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ קְלֶערְן.

עֶנְדְלִיךְ, נָאךְ וָואס עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַן אֵייבִּיגְקֵייט הָאט דֶער גְלָאק גֶעקְלִינְגֶען. אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן קְלַאס זֵייעֶר אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט. דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן גֶערוֹישְׁט אִין מִיר. אִיךְ הָאבּ

זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט ווִי אַ קֶעסְל הֵייס וַואסֶער וָואס קָאכְט אוּן גֵייט אָט אָט אִיבֶּערְפְלִיסְן.

דִי טִיר פוּן חֵדֶר הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט אוּן מַיין חַבֵר שָׁלוֹם אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען. עֶר הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ מִיר. "נוּ, וָואס אִיז נֵייעֶס?" הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט. אִיךְ הָאבּ גֶעשָׁאקְלְט מִיטְ'ן קָאפּ. שָׁלוֹם הָאט דֶערְקֶענְט אַז אִיךְ בִּין עֶפֶּעס זֵייעֶר אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט. "וָואס גֵייט פָּאר גְדַלְיָ'?" הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט מַיין מוֹיל צוּ פַארְצֵיילְן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט אוּן דַאן הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט. "לָשׁוֹן הָרָע!!!" הָאבְּן גְלֶעקְלֶעךְ גֶעקְלִינְגֶען אִין מַיין מֹחַ.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטַארְקֶע פַארְלֶעגְנְהֵייט. וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט? דָא בְּרֶענְט מִיר צוּ פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, וָואס אִיךְ וֵייס אַז עֶס וֶועט אוֹיפְרוּדֶערְן דִי קְלַאס אוּן פוּן דִי צְוֵייטֶע זַייט שְׁרֵייט מַיין אִינֶערְלִיכֶע קוֹל, "זַיי שְׁטִיל. שְׁוַוייג..." עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה. שָׁלוֹם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס אִיךְ רֶעד נִישְׁט. אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵׁם, אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט גוֹבֵר זַיין אוּן מַיין יֵצֶר טוֹב הָאט גֶעזִיגְט.

"עֶה. גָארְנִישְׁט..." הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ זָאג.

שָׁלוֹם הָאט גֶעצוֹיגְן מִיט דִי אַקְסְלֶען אוּן גֶעזָאגְט, "עֶרְלֶעדִיגְט. מוּזְט מִיר נִישְׁט זָאגְן. וֵייסְט דָאךְ," הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל, "שָׁלוֹם מַאכְט שָׁלוֹם מִיט יֶעדֶע מַצָב." אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִים מִיט דַאנְקְבַּארְקֵייט, וַוייל אוֹיבּ עֶר וָואלְט מִיר גֶעמוּטְשֶׁעט וָואלְט אִיךְ מִן הַסְתַּם נִישְׁט גֶעקֶענְט בֵּיישְׁטֵיין דִי נִסָיוֹן.

נָאךְ רִיסֶעס בִּין אִיךְ צוּרִיק אַרַיין אִין קְלַאס. פוּן דִי ווִינְקְל פוּן מַיין אוֹיג הָאבּ אִיךְ גֶעקוּקְט אוֹיף שִׁמְעוֹן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן. אִיךְ הָאבּ אִים שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעקוּקְט.

נָאךְ אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ טְרַאכְטְן צוּפִיל דֶערְפוּן אִיז מִיר שִׁמְעוֹן אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען מִיט אַ בְּרֵייטְן שְׁמֵייכְל. אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטַארְק אַיינְגֶעהַאלְטְן אִים גָארְנִישְׁט צוּ זָאגְן. אָבֶּער אִין אֶמֶת'ן הָאט עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, וַוייל שִׁמְעוֹן הָאט מִיר אוֹיסְגֶעכַאפְּט.

"גְדַלְיָ'," זָאגְט עֶר מִיר, "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מוֹרָא אִינְמִיטְן קְלַאס. דוּ הָאסְט עֶס אוֹיךְ גֶעזֶען?"

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר פְרֶעגְט מִיר. 'אַוַודַאי הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וֶוער דוּ בִּיסְט בֶּאֱמֶת. דוּ הָאסְט נִישְׁט יִרְאַת שָׁמַיִם.' הָאבּ אִיךְ אִים גֶעוָואלְט זָאגְן. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעשְׁוִויגְן.

שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזֶען אַז אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט הָאט עֶר וַוייטֶער גֶערֶעדְט שְׁטִיל, "אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מוֹדֶה צוּ זַיין, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק מוֹרָא פוּן מוּרִישְׁקֶעס. פּוּנְקְט אִינְמִיטְן דִי שִׁיעוּר פוּן דֶער מְלַמֵד, אִיז גֶעקְרָאכְן אַ מוּרִישְׁקֶע אוֹיף דַיין צֶעטְל. אִיךְ הָאבּ עֶס נָאכְגֶעקוּקְט אַ גַאנְצְן צַייט וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעצִיטֶערְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט קוּמֶען נָאנְט צוּ מִיר. הָאסְט אִים אוֹיךְ גֶעזֶען?"

אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט שָׁאקִירְט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוֹיבּ אִיךְ זָאל לַאכְן אָדֶער וֵויינֶען. דָא הָאבּ אִיךְ חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אֵיינֶעם אוּמְזִיסְט, וָואס הָאט מִיר גֶעמַאכְט שְׁפִּירְן אַבִּיסְל אַנְטוֹישְׁט אִין זִיךְ אַלֵיינְס. פוּן דִי צְוֵייטֶע זַייט בִּין אִיךְ אָבֶּער אָפְּגֶעהִיטְן גֶעוָוארְן פוּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע מִכְשׁוֹל. וֶוער וֵייסְט וָואס עֶס וָואלְט פַּאסִירְט אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט נִישְׁט בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דִי נִסָיוֹן אוּן יָא גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע? אִיךְ הָאבּ גֶעצִיטֶערְט צוּ טְרַאכְטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ שִׁמְעוֹן אוּן גֶעזָאגְט, "נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ. אֲפִילוּ פוּן אַ מוּרִישְׁקֶע קֶען מֶען זִיךְ עֶפֶּעס לֶערְנֶען..! נִישְׁט אַזוֹי??" שִׁמְעוֹן הָאט מִיר אָנְגֶעקוּקְט מִיט אַן אוּמְפַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע בְּלִיק. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען. דִי מוּרִישְׁקֶע הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט דַן צוּ זַיין יֶעדֶע אִיד... אַלֶעמָאל! אוּן זוּכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט טְרֶעפְן מִיטְן עֶרְשְׁטְן בְּלִיק!!



# יאָרצייט

דער הייליגער
**קדושת יום טוב**
זי"ע

יארצייט:
כ"ט שבט

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דָאנֶערְשְׁטָאג כ"ט שְׁבַט, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב רֶבִּי חֲנַנְיָ' יוֹם טוֹב טֵייטֶלְבּוֹים מְ'סִיגוּט זצ"ל.

דֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב אִיז גֶעוֶוען דֶער טַאטֶע פוּן דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי זי"ע רֶבִּי יוֹאֵל טֵייטֶלְבּוֹים זצ"ל אוּן פוּנֶעם עֲצֵי חַיִּים זצ"ל.

וֶוען דֶער סַאטְמַאר רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אִין שְׁטָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב הָאט דַאן גֶענוּמֶען זַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק.

רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי דַאן גֶעזָאגְט, "קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י (לֶערְנְט אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י), וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע גְּאוֹנִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י".

דֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זי"ע פְלֶעגְט טַאקֶע לֵייגְן אַ שְׁטַארְקֶע דָגוּשׁ אִין יְשִׁיבָה אַז אַלֶע תַּלְמִידִים זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, וַוייל נָאר אַז מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י יֶעדֶע וָואךְ קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִין דִי צַייטְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע, וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער הוֹיפְּט פוּן דִי מִילִיטֶער. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז עֶר פְּלַאנְט אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ גַאנְצֶע מִילִיטֶער נָאר פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער רח"ל.

עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פְּלַאן צוּ פַארְכַאפְּן עֶרְלִיכֶע קְלֵיינֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זֵיי צְווִינְגֶען צוּ גֵיין אִין דִי גוֹי'שֶׁע מִילִיטֶער, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי ח"ו וֶוערְן נִישְׁט עֶרְלִיךְ.

הרה"ג רֶבִּי שָׁאוּל בְּרַאךְ, קַאשׁוֹיעֶר רָב, אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב אוּן עֶר הָאט מַזְכִּיר גֶעוֶוען אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶער שְׁלֶעכְטֶער גוֹי זָאל נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְפִירְן זַיינֶע רִשְׁעוּתְ'דִיגֶע פְּלֶענֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב הָאט אִים בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט אַז יְשׁוּעוֹת הַשֵּׁם כְּהֶרֶף עַיִן, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמְט אַזוֹי שְׁנֶעל ווִי אַן אוֹיגְנְבְּלִיק.

אֵיין טָאג אִיז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב גֶעזֶעסְן אִין שׁוּל אוּן גֶעלֶערְנְט. פְּלוּצְלוּנְג אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז דֶער שְׁלֶעכְטֶער מִילִיטֶער הוֹיפְּט פָארְט יֶעצְט אַרִיבֶּער אִין פָארְנְט פוּן דֶער שׁוּל.

דֶער צַדִיק הָאט אַיינְגֶעקְנֵייטְשְׁט זַיין סֵפֶר אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם פֶענְסְטֶער אוּן נָאכְגֶעקוּקְט דֶעם גוֹי מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן.

פְּלוּצְלוּנְג הָאט דָאס פֶערְד פוּן דֶעם גֶענֶערַאל אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אוּן אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם גוֹי. דֶער גוֹי אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן זִיךְ צוּהַאקְט דֶעם קָאפּ. עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעשְׁטָארְבְּן. אִין זְכוּת פוּן דֶעם צַדִיק זָענֶען אַלֶע אִידְן

בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן פוּן מִילִיטֶער אוּן דִי גְזֵירָה אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב אִיז גֶעוֶועְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן עֶר הָאט אַ גַאנְצְן טָאג נָאר גֶעוָואלְט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען. אָבֶּער אוֹיבּ אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ אִים, הָאט עֶר אַלֶעמָאל גֶעמַאכְט צַייט פַאר אִים. עֶר הָאט יֶעדְן אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט רַחְמָנוּת אוּן מְחַזֵק גֶעוֶועְן.

מֶען הָאט אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר גִיט אַוֶועק אַזוֹיפִיל צַייט פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז צוּ זַיין אַ רֶבִּי אַזוֹיוִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן אִידְן וֶוערְן עֶרְלִיךְ) דַארְף מֶען זִיךְ קֶענֶען אַרָאפְּלָאזְן צוּ יֶעדְן אִיד אִין זַיין מַצָב, אִים הֶעלְפְן אוּן וַוייזְן פַאר יֶעדְן אִיד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף אִים.

מִיר דַארְפְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי צַדִיקִים צוּ זַיין גוּט צוּ יֶעדְן אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען וִויל טוּן אַ מִצְוָה, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט ח"ו פַארְשֶׁעמֶען אָדֶער וֵויי טוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר יֶעדְן מַאכְן גוּט שְׁפִּירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן נָאכְגֵיין אוּן פָאלְגְן עֶרְלִיכֶע צַדִיקִים, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.



# טרעפליך

**טרעף די פאלגענדע בילדער 3 מאל**













# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער ראש ישיבה זאגט כסדר: "מעביר סדרה זיין איז די בעסטע לייף אינשורענס."

## ברסלב'ע חידות

**ביי וועלכע צוויי זאכן האט דער רבי געזאגט פאר רבי נתן ער זאל אויסברייטערן זיין פענע ווען ער איז מחדש חידושי תורה?**

א. התבודדות
ב. בטחון
ג. אמונה
ד. תפלה
ה. יראה
ו. שמחה
ז. התחזקות
ח. צדיק

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער טשערינער רב ז"ל האט געזאגט פאר איינעם פון אנשי שלומינו ווען א מתנגד האט אים פארשעמט: "שווייגן איז אונזער זאך"

## גער א שמייכל

**וועלכע וואסער קען מען נישט טרינקען?**

א וואסער מעלאנע

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

### אֱמוּנָה - חלק שני

**יב. עַל יְדֵי קִלְקוּל אֱמוּנָה נִתְעוֹרְרִין דִּינִים, וְעַל יְדֵי הִרְהוּרֵי עֲבוֹדָה זָרָה נִתְעוֹרְרִין דִּינֵי דִּינִים, הַיְנוּ שֶׁדָּנִים אֶת הַדִּינִים שֶׁנִּדּוֹן כְּבָר, אִם נִדּוֹן כָּרָאוּי בְּלִי וַתְּרָנוּת.**

וֶוען דִי אֱמוּנָה וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, קוּמֶען 'דִינִים', מֶען מִשְׁפָּט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן חַס וְשָׁלוֹם; אוּן אוֹיבּ טְרַאכְט מֶען פוּן עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, קוּמֶען שׁוֹין 'דִינֵי דִינִים', דָאס מֵיינְט אַז מֶען מִשְׁפָּט נָאכְאַמָאל אִיבֶּער דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דִינִים, זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז עֶס אִיז גֶע'פַּסְקְ'נְט גֶעוָוארְן פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי עֶס קוּמְט, אָן גָארְנִישְׁט מְוַותֵּר צוּ זַיין.

# קליין און שיין



אליעזר שלמה שניצלער



אליעזר שלמה לעווי



אסתי נײמאן און הינדי יאקאבאוויטש



הערשי און עוזר יונה יאקאבאוויטש



זאבי בוים



חיים בוים



יוסי אינדיג



חילע לאנדא מרים גליקמאן



ישעי גראססמאן



יושע היימליך – שיף



אליעזר שלמה



אלי'




איידל ברוכי און פינחס ישעי' קארנבלי



אליעזר שלמה שניצלער



דינה יאקאבאוויטש



הערשי יאקאבאוויטש



משפחת טייטלבוים - משפט די ביימער



רחל און ליבא זינגער און עלקי סאמעט



חי אסתי יאקאבאוויטש



יואליש סאמעט



משפחת מארקוס



משפחת פורסט